№ 32. צווייטער יאהרגאנג

יודישע פאלקס-צייטונג

5 August 1903. פערלאג „פאלקס-בילדונג“ ווארשא. י"ב אב תרס"ג.

אינהאלט: שרייבעכטס; ש. ראזענפעלד. - צווישען צייטונגען און זשורנאלען; לעקטאר. – פאליטישע ענינים. – נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. – „אוגאנז“. – ידיעות וועגען קישינוב. – די אמת'ע רוצחים פון דובאסארער בלבול. – סדרות; מ. י. ברדיטשבסקי. – די שליסלען (א תשעה באב לעגענדע); דוד פרישמאן. – אלטניילאנד; מ. קליינמאן. – די וועלט געשיכטע; ה. הירשענבוים. – בריף אין רעדאקציע; יוליוס מאיר. – אלערליי.
יודישע פרויען-וועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. – מודעות.
פעליעטאן: אין די ווארמבעדער; שלום-עליכם.

ווינש-קארטען (לשנה-טובה)

עם ציורים מציון!

פראכטפאללע ארבייט! 20 סארטען ווינש-קארטען (פאסט-קארטען) מיט פערשידענע שענע בילדער מארץ הקדושה. פרייז פאר א קאלעקציאן פון 20 שטיק מיט פרטא 50 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע פעראיינען בעקומען גרויסען ראבאט.

אויך געפינט זיך א פרעכטיגער אונגעהייער גרויסער אויסוואהל פערשידענע שענע סארטען אויסלאנדישע ווינש-קארטען, אנטיקען אינגעהייער ביליג! פאר 5 רובל בעקומט מען א פאלשטענדיגע קאלעקציאן ווינש-קארטען (וועניגער פון 2 רובל ווינש-קארטען ווערט מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט, ביז 1 רובל קען מען שיקען מיט פאסט-מארקען) אלע בעשטעלונגען ווערען ערפילט „שנעל און פונקטליך גוט און ביליג“.

קארטא פאלעסטינא.

דיזע קארטע ענטהאלט: אללע שטעדט, שטעדלעך, טייכען, טייכלעך, אלע אלטע און נייע קאלאניעס, צייגט אן: די גרענעצען פון די שבטים, וויפיעל מענשען יעדע קאלאניע האט און וויפיעל ערד יעדע קאלאניע בעזיצט א. ד. ג. דיזע קארטע איז פראכטפאל שען געדרוקט אין 8 שענע פארבען, פרייז 40 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע-פעראיינע בעקומען גרויסען ראבאט (וועניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט).

233 אדרעססע: 12—5

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.

Вышло третьимъ изданіемъ:
О возрожденіи еврейскаго народа на Св. землѣ его древнихъ отцовъ
М. Л. ЛИЛІЕНБЛЮМА
(6 печатныхъ листовъ на хорошей бумагѣ) цѣна 20 к., съ пересылкой 26 к. Сіонист. Кружкамъ и книгопродавцамъ 20%ск.
Адресъ издателя: Книжный маг. С. Горнштейна, Одесса, Безыменный пер. 28.
239 4—2

די אלעמען בעוואוסטע אלער בעסטע:

I **מאשינען** צום פערפערטיגען אלערליי פרוכטען, יאגדעס, סעלטערס, סאדע וואסער און אנדערע מינעראל-וואסער, לימאנאד, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע זידענדע געטרענקע און וויין: סידר, שאמפאניער, הערעס, שערי און אנדערע צוגלייך אויך די בעשרייבונג און כלים דערצו, מיט וועלכע עס צו פערפערטיגען.

II **סיפאנען** שען און שטארק לויט די פראנצויזישע סיסטעמע.

III **דאמפף אפאראטען** צום **דעסטעלירען** און **איבערטרייבען**.

VI **פאלשטענדיגע איינארדענונג צו אנשטאלטען** אויף מאכע אלערליי סארטען וואסערן **שטעלט צו** די פאבריק פון מאשינען און דער פאבריטשנע סקלאד פון קארקעס די בעסטע עסענצען, עפירען און סאקעע א. ד. ג. און אויך אלע אנדערע זאכען, וואס עס געהערען און זענען נייטיג צו אלע פערפערטיגונג פון מינעראל-וואסער און לימאנאד.

236 2—2

ИППО и Ко. въ Варшавѣ, Грибная ул. собств. домъ № 15н.

!לעהרערס מיטטאגע!

!לעהרערס מיטטאגע! !לעהרערס מיטטאגע!

!לעהרערס מיטטאגע!

ווילט איהר פרישעס עססען?
ווילט איהר געזונטעס עססען?
ווילט איהר גענוג צו עססען?
ווילט איהר ביליג צו עססען?

זאלט איהר קומענדיג אין ווארשא געהן עססען די בעקאנטע **לעהרערס מיטטאגע**
אין רובינשטיינס רעסטאראז, נאלעווקי 17 — דזיקא 14

(218) ביטטע נישט צו פערגעסען די אדרעססע. 12—8

58 נאוואליפקי 58

צום אנפאנגס 20-טען יאהרהונדערט

די נייעסטע און נוצבארסטע ערפינדונג צו פערריכטען אלערליי שוהווערק אהן נעהט און ניט צו דערקענען קיין שום צייכען פון א לאטע.

דער גרעסטער עלעגאנט, וועלכער האט ביז יעצט נישט געוואלט טראגען קיין פערריכטע שוהע, קאן עס זיך יעצט גאנץ דרייסט ערלויבען וועהרענד די שוהע קומען ארויס פונקט ווי פון דער ניי.

עס ווערט פערריכט שוהווערק פון אללערהאנד לעדער: האמבורגער, געמזא, קאלירטע און לאקירטע, און צו בעקוועמליכקייט פיר די קונדען פערפערטיגען מיר אויך אללערליי אנדערע רעפעראציעס, ווי זאהלען, אבצאסען א. ד. ג. צו זעהר ביליגע פרייזען.

מיר האבען ספעציעלע מענשען צום אננעהמען און אבשיקען די ארבייט, מען דארף אונז נור מודיע זיין די אדרעססע.

ביטע צו ערקונדיגען זיך אין

229 מעכאנישען ווערקשטאט 25—6

נאוואליפקי 58, גרינשטיין עט אקערמאן.

58 נאוואליפקי 58

די רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג“ איז מודיע, אז זי איז צוגעטרעטען ארויסצוגעבען א זאמעל-בוך (סבארניק) פאר דעם פאלק מיט דעם נאמען

„הילף“

די גאנצע הכנסה פון דעם סבארניק וועט

געהן פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

אין דעם דאזיגען סבארניק וועלען אריינקומען זאכען פון די בעסטע שריפטשטעלער, וואס שרייבען זשארגאן און העברייאיש און אויך די וואס שרייבען אין אייראפייאישע שפראכען, וואס וועלען פון דער רעדאקציע איבערזעצט ווערען אין זשארגאן.

אויך וועלען אריינקומען אין דעם זאמעל-בוך אילוסטראציעס פון בעריהמטע יודישע קינסטלער.

ביז יעצט האבען זיך אנגערופען מיטצואורבייטען אין זאמעל-בוך „הילף“: נישט יודישע שריפט-שטעלער: לעוו טאלסטאי; מאקסים גארקי; וולאדימיר קאראלענקא; אנטאן טשעהאוו; עליזא ארזשעשקא; ראשעל היין; פראפעסאר באזשענאוו.

יודישע שריפטשטעלער: מענדעלי מוכר ספרים; שלום עליכם; דוד פרישמאן; בן-עמי; עזרא גאלדין; מנשה מרגליות; אלעזר שולמאן; ד״ר מ. י. בערדיטשעווסקי; מרדכי בן הלל הכהן; ד״ר י. ליאקומאוויטש; מ. מ. הורוויץ; א. ד. ראזענטהאל; יעקב כהן; י. ה. ראבניצקי; יוסף יפה; דוד פינסקי; י. לערנער; יהודה שטיינבערג; ליפמאן לעווין.

די ווייטער צוגעקומענע שריפטשטעלער וועלען מיר מודיע זיין אין אונזער צייטונג.

דער פרייז פון סבארניק איז 1 רובל מיט פארטא.

דעם חשבון פון דער הכנסה מיט דער הוצאה פון סבארניק וועלען מיר אין דער צייט מודיע זיין אין אלע יודישע צייטונגען.

רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג“.

בשורה נעימה!

צאת לאור ספר תולדות ישראל מצייר!

ללמד את ילדי בני ישראל את ההיסטריה הבבלית עם קצור דברי ימי עמנו עד חתימת התלמוד, בשפת עבר על טהרת הקדש עם תרגום רוסי, מאת הבלשן הנודע המדקדק והמבאר הר׳ יצחק ווארשאווסקי, שרק ההיסטריה העברית הזאת לבדה מאשרת מטעם הממשלה בתור ספר למוד ההיסטריה הבבלית (УЧЕБНИКЪ по Библейской Исторіи) יצא לאור בתבנית מפוארת על נייר יפה ודפוס יפה נחמד למראה, עם ציורים רבים מהדרים ועם הוספות ותקונים והערות כרגליות ובאוריות בשפת רוסיה מאת המחבר, למען אשר ימצאו בו תועלת רבה מבין עם תלמיד. ואף כי ההוצאה הזאת עלתה בדמים מרבים מאד, עב״ז קצבנו את מחיר הספר רק 60 קאפ׳, עם פארטא 75 קאפ׳ וע״י נאכנאהמע 85 קאפ׳. לסוחרי ספרים

אדרעסע: ולבתי ספר רבאט הגון. 232 12—5

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטיגקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскій, Варшава

Налевки № 37

(135) 50—22

אבאנאמענטס-פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב-יעהרליך 2 רובל
פיערטעל-יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב-יעהרליך 3 רובל, פיערטעל-יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים איינשרייבען 2 רובל, דעם 1-טען אפריל 1 רובל, 1-טען יולי 1 רובל און דעם 1-טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

יודישע
פאלקס-צייטונג:

א וואכען-בלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія“ Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“:
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung“
Krakau, Sebastyangasse 32.

אבאנאמענטס-פרייז:
עסטרייך-אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב-יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל-יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלב-יעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פיערטעל-יעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

5 August 1903. | Nr. 32. | י"ב אב תרס"ג.

דער ערשטער באנד פון „שלום עליכמ'ס אלע ווערק" איז שוין ארויס פון דרוק און צעשיקט געווארען אלע אבאנענטען וואס האבען אויסגעשריבען מיט די ווערק.

אינהאלט פון ערשטען באנד:

I. דער ערשטער ארויספאהר. איין אמת'ע מעשה ווי אזוי צוויי יונגע פייגעלעך, וואס האבען ניט אנגעקוקט רעכט די ליכטיגע שיין, פליהען ארויס דאס ערשטע מאל אויף גאטס וועלט.

II. דאס מעסער'ל. א טרויריגע געשיכטע פון די קינדער-יאהרען.

III. טביה דער מילכיגער. דריי ספורי מעשיות.
1) דאס גרויסע געווינס.
2) א בוידעם.
3) היינטיגע קינדער.

IV אויפ'ן פידעל. א מעשה.

די איבעריגע 3 בענדער וועלען צעשיקט ווערען יעדע זעקס וואכען א באנד, אזוי אז ביז צום סוף יאהר וועלען אלע 4 בענדער צעשיקט ווערען צו די אבאנענטען.

אבאנאמענטס פרייז:

פון 1-טען יולי ביז צום סוף יאהר די יודישע „פאלקס-צייטונג" צוזאמען מיט די 4 בענדער „שלום-עליכמ'ס אלע ווערק" — 4 רובל, פאר א האלב יאהר צוזאמען נאר מיט 2 בענדער 3 רובל, פאר א פיערטעל יאהר צוזאמען מיט 1 באנד 1.50 רובל.

די צייטונג אהן דער פרעמיע: 1 רובל א פיערטעל יאהר, 2 רובל א האלב יאהר.

שלום-עליכמ'ס אלע ווערק אהן דער צייטונג פערקויפען זיך ניט.

מיר בעטען די וועלכע ווילען אבאנירען די צייטונג אליין, ארער מיט דער פרעמיע זאלען זיך בעאיילען אויסצושרייבען אין דער צייט, ווייל די צייטונג און די פרעמיע דרוקען מיר נאך א געוויסע צאהל עקזעמפלארען.

שרייבעכטס.

שרייבעכטס — אזוי מוז מען אנרופען א גרויסען — אויב ניט דעם גרעסטען—טייל פון ארטיקעל און מאמרים, וואס קומען פון טאג צו טאג און פון וואך צו וואך אין אונזערע צייטונגען.

אזא מין „שרייבעכסט" איז דאס ארטיקעל „אונזערע פארטייען" אין „פאלקס-צייטונג" Nr. 30.

מיר לייענען דא פון „פרוד הלבבות", „פארטייען", „היסטאריע", „פארלאמענטען", „פארטיי-אינטערעסען", „קאמפ", „יעזואיטען" „מלחמות" א. ז. וו. א. ז. וו.

און גיט מען א טראכט איבער די „ווערטער", זעהט מען, אז זיי האבען אזא שייכות צו אונזערע פארטייען אין ציוניזמוס ווי דאס ארטיקעל „אונזערע פארטייען" צו אמת'ער ליטעראטור...

און קוקט מען זיך צו ווי דער שרייבער בענוצט די אלע ווערטער זעהט מען בעשיינפערליך, אז דער פרוד-הלבבות איז קיין

פרוד־הלבבות ניט, פארטייען קיין פארטייען ניט, היסטאריע קיין היסטאריע ניט, פארלאמענט קיין פארלאמענט ניט און גלאט עס רעדט זיך אזוי.

איהר לייענט דארט, אז פרוד הלבבות און מחלוקת זענען שעדליך פאר א פאלק, „און די „היסטאריע" ווייזט אונז — שרייבט ה' טש. — אז יעדע פאלקס־פארטיי האט דעם נאציאנאלען קערפער פונאנדער גענומען אברים ווייז (?)".

און איהר פרעגט זיך: וואס האט פרוד הלבבות און סתם מחלוקת מיט א פאלקס־פארטיי? די שעדליכע פרוד הלבבות און מחלוקת איז די, וואס בערוהט אויף שנאה, קנאה, כבוד, אייגעננוצען א. ד. ג. פאלקס פארטייען זענען די, וואס זוכען דאס וואהל, דאס גליק פון פאלק, ניט פון שנאה אדער קנאה צו אנדערע, נאר פון ליבע צום פאלק און זעהענדיג די אונגערעכטיגקייט, מיט וועלכע מען בעהאנדעלט עס. די מאטיווען, די סבות פון די ערשטע זענען שלעכטיגקייט, פארדארבענהייט און אונמענשליכקייט, די סבות אדער מאטיווען פון די לעצטע זענען גוטסקייט, איידעלקייט און מענשליכקייט. פארטייען, וועלכע זענען באמת פאלקס־פארטייען, דאס הייסט: אויב זיי פארשטעהען וואס דאס פאלק האט נייטיג און בעמיהען זיך פון זיין טובה וועגען, צערייסען ניט דאס פאלק אברים ווייז, נאר פארקעהרט, זיי שטארקען דאס פאלק, שטיצען זיין מוט, פארגרעסערען זיין בעוואוסטזיין און מאכען עס פאר מעהר מענשען.

איין מאל נאר איז אויפגעטרעטען ביי יודען א פאלקס־פארטיי, ד. ה. זי האט געשטריטען געגען אנדערע פארטייען אין פאלק, געגען די אריסטאקראטיע און די גייסטליכקייט בשעת דעם צווייטען חורבן. מיט בלוט און לעבען האט זי יאהרען לאנג געשטריטען פאר די פרייהייט פון יודישען פאלק געגען די רעמער; די שרייבער פון דער יודישער געשיכטע, אריסטאקראטען אדער גייסטליכע, האבען די פיהרער פון דער פארטיי אנגערופען: פריצים, בויאנעס. די פאלקס־פארטיי האט ניט צעריסען דאס פאלק, נאר פארקעהרט — זי האט עס צונויפגענומען, און מיט שותפות'דיגע כחות זיין כבוד אין דער היסטאריע געראטעוועט.

פון וועלכע פאלקס־פארטייען רעדט אלזא ה' טש.? ווען זענען זיי געווען? וואו האט ער זיי ביי אונז געזעהן?

נאר געזאגט איז פארפאלען. פרעגט ער זיך ווייטער: „פאר וואס שאדען די פארטייען קיין שום אומה ולשון ניט?"

מיינט איהר דאך, אז אלע זענען מסכים, אז פארטייען שאדען קיין פאלק ניט, איז עס א טעות. יעדע פארטיי מיינט, אז די אנדערע פארטייען שאדען דעם פאלק. אומעטום זענען דא פיעל אזעלכע, וואס זענען דם שונאים אלע פארטייען אינאיינעם, אי פאר וואס שרייבט ה' טש. אז אלע זענען מסכים אז זיי שאדען ניט? — אט עס רעדט זיך אזוי.

און אזוי ווי דאס איז אמת, אזוי איז אמת אז, „האט נאר א פארטיי געוואונען פאר זיך דאס רוב פאלק איז פארפאלען, קיין געגנערשאפט קאן שוין ניט זיין".

ס'הייבט זיך גאר ניט אן! אמת איז, די פארטיי, וואס האט דעם רוב אין פארלאמענט קאן אויספיהרען וואס זי וויל, אבער ביי יעדער פראגע טרעטען די געגנער אויף און שטרייטען מיט אלע קרעפטען געגען דער שטארקערער פארטיי; אפט פאראייניגען זיך 2—3 פארטייען, כדי אויסצושפילען א רוב דעות געגען דער גרויסער פארטיי, און זי פיהרט ניט אויס וואס זי וויל. און ווייל יעדע פארטיי גלויבט, אז נאר זי פארשטעהט וואס פאר'ן פאלק איז גוט, טוט זי אויך אלעס מעגליכע כדי זי זאל מנצח זיין.

און יעדע פארטיי, וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן געזעלשאפטליכען לעבען מיינט, אז איהרע געדאנקען זענען די ריכטיגע און גלויבט, אז זי וועט זיי אויספיהרען אין לעבען.

געדאנקען און גלויבען אין די געדאנקען זענען די יסודות פון יעדער פארטיי.

און ביי ה' טש. קומט אויס, אז אויב „ס'ווערען בעשאפען פאר־

פעליעטאן.

אין די וואַרמבעדער

(בילדער, טיפען, באגעגענישען, צרות און פארגניגען.)

פון

שלום־עליכם.

ג.

וא מין הקדמה, דער שכל פון מאריענבאד. א דאמע פון יעקאטערינאסלאוו. סטאנציע וואלאטשיסק. איך האנדעל א מציאה און ווער פון איהר פטור).

מיין ווייב איז ברוך השם אזא מענש, וואס האט פיינט זיצען אליין, ווי זי רופט דאס אן „מיט די פיער ווענט". זי האט ליב הערען ווי מע רעדט און האט אליין אויך ליב רעדען, אז סע שטיל אין שטוב זשומעט איהר דעמאלט אין די אויהרען און איהרע „נערוועןְ" קאנען דאס ניט איבערטראגען, „אז עס מאכט זיך זי בלייבט אליין מיט מיר און עס נעהמט אויס רייד (צווישען מאן און ווייב וואס קאן זיין פאר רייד?) פרעגט זי מיך, וואס שווייג איך? פאר וואס רעד איך ניט?

— וואס זאל איך מיט דיר רעדען? — פרעג איך זי — שוין עטליכע און צוואנציג יאהר זינט מיר רעדען... אויסגעגאנגען שטאף...

— פאר וואס זשע געפינט זיך ביי דיר שטאף פאר פרעמדע? לאז זיך דיר דיכטען עלעהיי איך בין אויך א פרעמדע?

נו געהט פארענפערט זיך! געפינט א תירוץ!...

דאס איז א מין הקדמה אדער א פירוש צו דעם, עס זאל אייך ניט זיין קיין חדוש, וואס געפאהרען מיט מיין חיה עטלין קיין אויסלאנד אין די וואַרמבעדער בין איך געוועזן צופרידען, אז גאט האט איהר צוגעשיקט מיט וועמען צו רעדען. איך אליין האב איהר געזוכט א קאמפאניע און האב איהר געפונען אין צווייטען וואגאן - א מאסיווע דאמע פון יעקאטערינאסלאוו מיט איהרע א טאכטער, א כלה, דאס הייסט אזעלכע וואס מעג שוין זיין א כלה און וויל שוין זיין א כלה און ס'איז שוין צייט זי זאל זיין א כלה — און צוליב דעם טאקי פאהרט זי מיט איהר קיין מאריענבאד.

דערהערט דאס ווארט „מאריענבאד" האט זיך מיין חיה עטיל ממש מחיה געווען, מחמת עס האט זי געצויגען כסדר נאר קיין מאריענבאד! וואס עפיס גראד קיין מאריענבאד? פאר וואס ניט קיין קארלסבאד, פראנצענסבאד, באדענבאד? — דעם שכל קאן קיינער נישט וויסען, אזוי

טייען אויף גרונד פון גלויבען אדער געדאנקען" קאן קיין איבערצייגונג ניט זיין. און מיט „איין ווארט" זאגט ער כלומר'שט ארוים דעם זעלבען געדאנקען אז:

א פארטייען־שטרייט איז נאטירליך ווען ער קאן אמאל אויפהערען, און ער איז ניט נאטירליך אויב ער מוז זיך תמיד ציהען".

און מיר זענען געוואהנט צו טראכטען, אז וואס עס מוז זיין איז נאטירליך, און וואס עס קאן אי יא זיין אי ניט זיין איז ניט נאטירליך, ווייל ס'איז ניט נויטווענדיג.

און ווייטער וויל ה' טש. אז פארטייען זאלען האבען א קיום ווען די בעוועגונג געהט רוהיג, „דעמאלט קאנען זיי זיך ארגאניזירען", וואו ס'קומט אבער צום לעבען מוזען די פארטייען אויפהערען צו עקזיסטירען.

אבער אויב אז בשעת דאס לעבען קאכט זאלען די פארטייען אויפהערען צו עקזיסטירען, טא צו וואס זאלען זיי זיך גאר לכתחילה ארגאניזירען?

דער משל פון א מלחמה איז א משל „כחרס הנשבר". עפּיס אנדערש איז וואו עס קומט א שונא, וואס וויל אויסרייסען אלע פארטייען אינאיינעם, דאס פאלק אין גאנצען, דא האבען עס די פארטייען צו טון מיט איין ענין וואס איז ניט שייך צו די אדער יענע מיינונג; עפּיס אנדערש איז ווידער די ארבייט גופא אין ציוניזם צוליב וועלכע די פארטייען ארגאניזירען זיך. און וואו יעדער פארטיי גלויבט, אז אויב די ארבייט וועט געטאן ווערען אויף איהר דרך, נאך איהרע געדאנקען, וועט זי ברענגען די גרעסטע און געוואונשטע נוצען.

ה' טש. וויל, אז „איין ווילען זאל אלעמען בעלעבען — צו העלפען דעם פאלק". געוויס איז דאס דער ווילען פון אלעמען, און ווייל אלע ווילען עס, און ווייל יעדע פארטיי האט אנדערע „געדאנקען" אויף וואס פאר איין אופן די הילף צו ברענגען, דערפאר מוזען די חלוקי־דעות זיך ארויסשטעלען דווקא בשעת דער ארבייט, בשעת דעם קאנגרעס.

ה' טש. רעדט פון „פארטיי־אינטערעסען". זיי פאסען זיך אהער פונקט ווי דער משל מיט דער מלחמה. געהערט האט ער פון קלאסען־אינטערעסען, אבער דאס פאסט אויך ניט אהער. ביי קלאסען איז דאס אינטערעס פון איין קלאס צו שעדיגען די אינטערעסען פון די אנדערע קלאסען. איין קלאס בויט זיין גליק אויף דעם חורבן פון דעם אנדערען. אין ציוניזם זענען קיין „קלאסען" ניט פארטרעטען. אלע פארטייען זענען פאלקס־פארטייען, ד. ה. זיי מיינען, אז זיי פארטרעטען די אינטערעסען פון גאנצען פאלק, פון אלע קלאסע אינאיינעם — צי איז עס באמת אזוי, צי קאן עס אזוי זיין, צי דארף עס אזוי זיין, איז איין אנדערע פראגע — מען קאן דעריבער ניט רעדען. אז די פארטיי האט איין אינטערעסע, די אנדערע — אנדערע אינטערעסען, און דעריבער איז ניט דא דאס ארט צו פארלאנגען, אז די פארטייען זאלען זיך ענטזאגען פון זייערע פארטיי־אינטערעסען, ווייל עס וואלט געהייסען זיי זאלען זיך ענטזאגען פון די פאלקס אינטערעסען — ווי יעדע פארטיי פארשטעהט זיי — צוליב וואס? צוליב פאלקס־אינטערעסען...

אונמעגליך אזוי צו דענקען!

נאך מעהר וואלט איך געקאנט שרייבען וועגען דעם ארטיקעל ניט דאס בין איך אבער אויסען.

איך בין נאר אויסען געווען צו בעמערקען געוויסע שרייבער, אז זיי זאלען וויסען וואס זיי ווילען, און הערען וואס זיי שרייבען.

און וועלען וואלט איך, פארלאנגען וואלט איך פון זיי: טראכטען אביסעלע מעהר, אביסעלע ווייניגער שרייבעכטס.

ווארשא. ש. ראזענפעלד.

צווישען צייטונגען און זשורנאלען.

הימעל און ערד און — ענציקלאפעדיעס. א געראטענע וואך קיין עין הרע. די צייטונגען ביי אונז רעגענען מיט ענציקלאפעדיעס

אזוי ווי עס איז שווער צו טרעפען דעם שכל, פאר וואס איינעם געפעלט וויים, דעם אנדערען שווארץ? עס ווענדט זיך אינ'ם גוסט, עס איז א געשמאק־זאך: איינעם געפעלט אזוינס דעם אנדערען אזעלכס, און אלע מענשען זאלען פאהרען אין איין ארט אריין זואלטען דאך אלע איבעריגע ערטער געבליבען לעדיג...

— פאהרט איהר הייסט דאס אויך קיין מאריענבאד? — האט זיך מיין חיה עטיל געווענ־ט צו איהר מיט א שמחה און בשעת מעשה בעטראכט די מאסיווע יעקאטערינאסלאווער דאמע און געחדוש'ט זיך צו וואס פאהרט אזעלכם אין די ווארמבעדער? וואס פעהלט איהר למשל?... די יעקאטערינאסלאווער דאמע האט זיך אפּנים אנגעשטויסען, וואס בעדייט דער דאזינער קוק און האט זיך פארענפערט.

— איך פאהר קיין מאריענבאד אלע זומער, נישט חלילה אויף דער קור, איך בין דאנקען גאט געזונט און שטארק אויף אלע אברים (מע זעהט דאס!) הלואי ווייטער ניט ערגער (אמן!) נאר וואס פאהר איך קיין מאריענבאד? איך פאהר אהינצוצו זיך „אפּציהען"; אז איך בין אפּ א וואך זעכס אין מאריענבאד, לאז איך איבער דארטען א פונט עטליכע און דרייסיג (אהא!) און מאריענבאד איז דערצו א רפואה. דער חסרון איז, וואס אז איך קום אהיים קיין יעקאטערינאסלאוו, נעם איך אן אויף זיך צוריק די עטליכע און דרייסיג פונט, וואס איך האב איבערגעלאזט אין מאריענבאד מיט נאך א פונט צוואנציג (קיין עין הרע ניט!) מחמת דער אפּעטיט וואס איך באקום נאכדעם צום עסען הרגט מיך אוועק!...

— איז דאך גלייכער — זאג איך — איהר זאלט בעסער אויפהערען פאהרען קיין מאריענבאד?

— וואס הייסט? — זאגט זי — איך מוז דאך פאהרען זיך אפּציהען; אוועקגעבען די עטליכע און דרייסיג פונט!

— קומט דאך אייך צו — זאג איך — צוריק יענע עטליכע און דרייסיג פונט מיט נאך צוואנציג פונט, הייסט דאך עס אלע צוויי יאהר א פוד!

— איך האב גאר ניט געוואוסט אז איהר זענט אזא בעל חשבון! — מאכט זי צו מיר מיט א שטאך און מיין חיה עטיל קוקט אויף מיר גזלן למאי איך מיש מיך אריין, און איך בייס צו די צונג. איך זיץ און קוק אויף דער יעקאטערינאסלאווער דאמע און טראכט מיר, וואס וועט זיין פון איהר, כדומה למשל, טאמער לעבט זי חלילה נאך א יאהר צוואנציג און פאהרט אלע יאהר קיין מאריענבאד און לאזט איבער עטליכע און דרייסיג פונט און נעמט זיי אפּ צוריק מיט רווחים, הייסט דאס צוואנציג מאל צוואנציג, האבען מיר א קימילן פון פיערהונדערט פונט, און פיער הונדערט פונט איז אזוי גרוים אפּנים ווי צעהן פוד...

— סטאנציע וואלאטשיסק! — זאגט אונז אן דער קאנדוקטאר א בשורה, און נעמט אפּ ביי אונז די בילעטען און אלע פאסאזשירען טהוען זיך א חאפּ צו די פעקלעך און עס לאזט זיך הערען מיט א שמחה:

"הצפירה", "הצופה" און "פריינד" זענען פול מיט ענציקלאפעדיעס". דאס הייסט, נישט מיט די ענציקלאפעדיעס אליין. נאר מיט מודעות וועגען זיי. מודעות א פנים זענען לייכטער צו שרייבען ווי ענציקלאפעדיעס. מע טינקט איין א פעדער אין טינט און מע שרייבט. מע שרייבט, אז עס האט זיך געמאכט א געזעלשאפט, א חברה, א בוך-פערלאג, וואס הייסט אזוי און אזוי — א נאמען איז נישט שווער צו געבען — און דער דאזיגער פערלאג האט זיך מכין געווען מיט תרפ"ט מיליאנען רובל און מיט עטליכע טויזענט פראפעסארען און דאקטוירים און געלערנטע, און אט וועט באלד ארויס איין ענציקלאפעדיע פון עטליכע הונדערט טאמען, וועלכע וועט אין זיך האבען אלע חכמות פון דער וועלט — און דא זיי א נאר און גלויב נישט! מילא בנוגע די לשון-קודש'ע ענציקלאפעדיע, פארשטעהט מען דאך, אז אין כתובה בלא תיגרא, סע געהט נישט קיין חתונה אהן מחלוקת. באלד האט זיך אנגעהויבען אין צייטונגען דער אלטער פלפול: וואס דארפען יודען האבען? דארפען זיי האבען איין אלגעמיינע ענציקלאפעדיע, אזאלכע וועלכע זאל ברענגען אלע ענינים און חכמות און ידיעות פון דער גאנצער וועלט, אזוי ווי אלע ענציקלאפעדיעס זענען ביי אלע אומות העולם, אדער דארפען זיי האבען א יודישע ענציקלאפעדיע, איין "אוצר היהדות", איין "אוצר חכמת ישראל", א זאלכע וועלכע זאל ברענגען נאר דאס וואס איז שייך צו יודישע וויסענשאפטען אליין? בינתים אבער איז געקומען הער סאקאלאוו — דאכט זיך, דער איינציגער וועלכער האט זיך אמת'דיג מכין געווען אי מיט דעם נייטיגען קאפיטאל, אי מיט די נייטיגע מיטארבייטער, איידער ער האט ארויסגעלאזען די ערשטע מודעה — און טענה'ט: זייט אייך נישט מטריח! כבר נעשה מעשה, איך האב שוין די זאך אבגעטאן און עס נוצט אייך נישט מעהר אייער מפלפל-זיין זיך! די ענציקלאפעדיע איז איין אלגעמיינע, און אט הייב איך שוין אן זי ארויסצוגעבען, איך טייל שוין איין די ארבייט פאר יעדען, און באלד וועט זיך אנהויבען דער אנפאנג צו בעוויזען! און דאך האט זיך די חברה "אחיאסף" געפונען גענייטיגט ארויסצולאזען דערווייל א בראשורע — און דוקא אויף רוסיש! — אין וועלכער זי לאזט מודיע זיין דעם עולם, אז מע וועט, מע מוז, מע זאל, מע דארף וכו' ארויסגעבען דוקא ודוקא א יודיש ענציקלאפעדיע, איין אוצר היהדות, אזאלכע וועלכע וועט אין זיך האבען גאנץ חכמת ישראל פון אל"ף ביז ת"ו, ווי להבדיל דער רמב"ם אין זיין צייט האט געהאט אין זיין ספר גאנץ חכמת ישראל פון דער דעמאליגער צייט. מען דארף נאר עלטער ווערען און דאס שוין דערלעבען צו זעהן!

ווי אבער איז עס ביי אונז זשארגאניסטען? — ביי אונז זשארגאניסטען איז ביז יעצט, דאנקען גאט, מחלוקת נאך נישט געווען. אונזערע שרייבער האבען ביז יעצט זיך נאך נישט מפלפל געווען וועגען דער פראגע, וואס דארפען זשארגאנישע לעזער האבען, צי דארפען זיי האבען איין אלגעמיינע ענציקלאפעדיע, צי נאר איין "אוצר הזשארגאן", איין "אוצר חכמת הזשארגאן", א ספר איבער די זשארגאנישע וויסענשאפטען אליין? — א קשיא אויף א מעשה! ביי יודען איז אלסדינג מעגליך, און אפילו אזא פלפול איז אויך מעגליך — אבי א מאמר זאל זיין אנגעשריבען. לעת עתה איז, דאנקען גאט, נאך אלעס בשלום. לעת עתה איז נאר געקומען א שפאגעל נייער פערלאג, וועלכער רופט זיך "ליכט" און וועלכער ווייזט אן זיין אדרעס אין פעטערסבורג, און דער דאזיגער פערלאג איז מודיע דורך איין עקסטרא-פראספעקט, וועלכער איז געווען צוגעלעגט צו איינעם פון די לעצטע נומערן פון'ם "פריינד", אז די חכמים פון פעטערסבורג געבען ארויס אויף זשארגאן "די ערשטע יודיישע ענציקלאפעדיע". די חכמים פון פעטערסבורג זאגען אין זייער פראספעקט אזוי:

"עס איז שוין לאנג קיין סוד ניט, אז די שטרעבונג (?)
פון יודישען פאלק צו וויסענשאפט וואכסט פון טאג צו טאג.
עס זענען שוין אוועק די יאהרען, ווען דער יוד פלעגט נישט
וועלען וויסען, וואס עס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט,

— די גרענעץ! די גרענעץ!

פאר וועמען ס'איז א שמחה, פאר מיר ניט, גאט ווייסט, צי מע וועט מיר ארויסגעבען באגאזש, ווארום איך האב דאך פארגעסען אפנעמען ביים ארטעלשטשיק די קוויטאנציע און האב געמוזט פון וועג טעלעגראפירען וועגען דעם קיין בויבעריק.

— וואס וועלען מיר טהון — זאגט צו מיר מיין חיה עטיל — טאמער חלילה גיט מען אונז ניט ארויס אונזער באגאזש?

— למאי — זאג איך — זאלסט דו איבערקלערען אויף נייען? טאמער יא?

כך הוה, מיר זענען געקומען אויף דער סטאנציע, האט זיך אנגעהויבען א לויפעניש פון איינעם צום אנדערען. דער יונגערער האט אונז אפגעשיקט צום עלטערען, און דער עלטערער צו נאך איין עלטערען, דער זאגט: ס'איז פארהאן א דעפעש; דער זאגט: ס'איז ניטא קיין דעפעש. דער זאגט ס'איז דא א דעפעש מע זאל ארויסגעבען, דער זאגט ס'איז דא א דעפעש מע זאל ניט ארויסגעבען. בקצור מיר האבען געמוזט געבען פון דאנען נאך אמאל א דעפעש און אליין זענען מיר געבליבען ווארטען.

מיין חיה עטיל... וואס? איהר ווילט טאקי וויסען וואס איך האב נעהאט פון איהר? אז גאט וועט אייך העלפען, איהר וועט פאהרען אין די ווארמבעדער בחפזונ'דיג מיט אייער ווייב אזוי ווי איך, און איהר וועט פארגעסען די קוויטאנציע פון'ם באגאזש ווי איך, און וועט דארפען ווארטען ביי דער גרענעץ איין איבעריגען טאג ווי איך, וועט איהר דעמאלט וויסען וואס מע קאן האבען פון א ווייב... איין שטיקל גליק חאטש . וואס די יעקאטערינאסלאווער דאמע מיט דער טאכטער די כלה זענען אויך געבליבען ווארטען ביז'ן צווייטען צוג איבער איין אנדער טעם: פון אדעס האט בעדארפט אנקומען איהרע א שוועסטער, וואס פאהרט אויך קיין מאריענבאד, און האט פארשפעטיגט דעם צוג, וועט זי אנקומען מיט'ן אנדערען צוג...

— אויך אזא?... — וויל איך פרעגען און בלייב שטעהן אין מיטען.

— אזא וואס?

— אזא... מיין איך... וואס פאהרט זיך אפציהען?

— פארקעהרט — זאגט זי — מיין שוועסטער איז שוין צו איין אידעלע; פאהרט זי זיך פארדעכטען, און עס קומט איהר צו אלע יאהר א פונט פיפצעהן, נאר אז זי קומט אהיים, פארליערט זי פיפצעהן מיט נאך פיפצעהן, זי עסט ניט כמעט גאר ניט, זעהר איין אידעלע.

— קומט דאך אויס — זאג איך — אז אין צעהן יאהר פארליערט זי 150 פונט, הייסט דאס אזוי גרוים ווי דריי פוד מיט דרייסיג פונט, היינט וואס וועט שוין איהר איבערבלייבען?

— ווער בעט דיך דו זאלסט מאכען חשבונות? — פאלט שוין אן אויף מיר מיין ווייב און איז נערעכט — ער האט זיך עם אביסל צע-

ווי לעבען און צו וואס שטרעבען אנדערע פעלקער, היינט איז שוין ניט אזוי. דאס יודישע פאלק וויל און פאדערט קענטניש (?) און בילדונג. נאר דאס, ליידער, איז איהם ניט אזוי גרינג צו דערגרייכען: די אלגעמיינע מיטעלע שולע איז פאר איהם כמעט ווי פארמאכט, די אנפאנגס־שולע איז צו איינג (?) פאר אלע, וואס ווילען אין איהר אנקומען, דרום מוז א גרויסער טייל בלייבען ביים זשארגאן און קען זיך בילדען נאר אויף זשארגאן".

און „דרום" רעכנען די חכמי פעטערסבורג, אז עס איז זייער פליכט צו געבען דעם פאלק אויף זשארגאן א יודישע ענציקלאפעדיע. ערשטענס ווייל עס איז דא „שטרעבונג" צו „קענטניש" און עס איז „איינג", און צווייטענס ווייל עס איז שווער פאר יודען אנצוקומען אין די אלגעמיינע מיטעלע שולע און אין די אנפאנגס־שולע, טא זאל זייער ענציקלאפעדיע זיין פאר זיי דער שטעלפארטרעטער פון די שולען. מען וועט שוין נישט מעהר דארפען געהן אין די שולע, נאר אין די ענציקלאפעדיע אריין. ווי מען זעהט, איז דער צוועק א זעהר איידלער, א זעהר שווערער — אבוואהל די שפראך פונ'ם פראספעקט איז נאך אביסל ווילד און נישט קלאר און אהן גראמטיקא. מען קאן נישט פערלאנגען פון א שפאגעל נייעם פערלאג, וועלכער איז נאר וואס געבוירען געווארען, ער זאל געבוירען זיין שוין מיט א פארטיגע קלארע שפראך און מיט ארטאגראפיע. נישט קשה, מען קאן זיין א שטעלפארטרעטער פון די שולען און מען קאן בילדען דאס פאלק אין אלע וויסענשאפטען אויך אהן א קלארע שפראך. — די חכמי פעטערסבורג שרייבען:

„איצטיגע צייט איז א צייט פון ספעציאליסטען: יעדער געלעהרנטער קלייבט זיך אויס א קליינעם טייל פון דער אלגעמיינער וויסענשאפט און בעשעפטיגט זיך מיט איהם דעם גאנצען לעבען. אבער מען קען זיך דאך ניט פארשפארען, פארחתמ'ענען אין א ווינקעל און פון דארטען ארויסקוקען מיט ווילדע אויגען אויף אלץ וואס קומט פאר ארום. דער מענש האט דאך חברי'שע געפיהלען און קען איינער אליין ניט לעבען, דרום זענענדיג צווישען פערשיעדענע מענשען מוז מען דאך האבען פערשיעדענע קענטניש'ען, כדי מען זאל קענען פארשטעהען איינע דעם אנדערען און אלץ וואס עס טוט זיך ארום".

גאנץ ריכטיג! מען קאן און מען טאר און מען זאל נישט זיך פארחתמ'ענען מיט ווילדע אויגען אין א ווינקעל. דער מענש האט „חברי'שע געפיהלען". דרום „זענענדיג צווישען פארשידענע מענשען", מוז מען האבען „קענטניישען". און צו וואס מוז מען האבען קענטנישען? — גאנץ איינפאך: כדי מען זאל קענען פארשטעהן איינער דעם אנדערען!

און „אט אזעלכע קענטנישען געבען אונז די ענציקלאפעדישע ווערטער־ביכער"!

נישט אמת, נישט קשה אביסל דערקלערט דעם נוצען פון ענציקלאפעדיעס און וואס ענציקלאפעדיעס בעטייטען?

און בכדי צו ווייזען (די זשארגאנישע ענציקלאפעדיסטען שרייבען: צו „בעווייזען") ווי די וויסענשאפטען פון דער ענציקלאפעדיע וועלען זיין און ווי „עס וועלען ערקלערט ווערען די ווערטער", גיט דער פראספעקט פראבען פון עטליכע ארטיקלען:

פסעוודאנים, איז די אונטערשריפט פון איין שריפט־שטעלער, ווען ער שרייבט ניט אונטער זיין איינענעם נאמען. למשל: אחד העם איז דאס פסעוודאנים פון א. גינזבערג".

מיינען מיינען זיי: „ווען ער שרייבט נישט אונטער זיין אייגענעם נאמען, נאר איין אויסגעטראכטען". — אבער יעדענפאלס ווייזט דער משל מיט אחד העם ווי ווייט אונזערע ענציקלאפעדיסטען פאר־שטעהען צו זיין נישט פארטייאיש און ווי ווייט זיי האבען געשמאק נישט ארויסצווייזען צו וועלכער פארטייע זיי געהערען און ווי ווייט זיי לאזען זיך נישט איינגעמען פון גאר די לעצטע מעשות פון לעצ־טען טאג — אלעס לויטער אזעלכע מעלות, וועלכע מען זוכט ביי איין ענציקלאפעדישען שריפטשטעלער.

בעלעטריסטיק, מיט דעם נאמען ווערען אנגערופען

חשבונ'ט דער בעל השבון מיינער; בארעכען בעסער וואס דיך קאסט אפ דער באנאזש איבער דעם וואס דו ביזט א צעטראגענער מלאך, וועסט דו בעסער מאכען. געה נאר ווער געוואהר צי ס'איז שוין דא איין ענפער אויף אונזער דעפעש?

פארשטעהט זיך, אז קיין ענפער איז נאך נישטא און עס קאן נאך אזוי גיך ניט זיין, און נישט האבען וואס צו טהון, געה איך מיר ארויס אביסל אויף דער גאס שפאצירען.

דאס שטעדטל וואלאטשיסק, האטש סע ליגט ביי דער גרענעץ, איז א קליין שטעדטל ווי אלע שטעדטלעך בכל תפוצות ישראל מיט א מארק מיט קלייטלעך, מיט יודען, וואס דרעהען זיך מיט די שטעקלעך אין די הענט און האבען ניט וואס צו טהון, און מחמת קיינער קען מיך נישט, קויף איך מיר א פונט אגרעסען און געה מיר ארום אין מארק און עס מיר די אגרעסען פונ'ם שקארמוץ, און פלוצלינג דער־זעה איך פאר מיינע אויגען וואכסט אויס א מאדנע חיה, וואס איך האב אזעלכעס אויף מיין לעבען ניט געזעהן. א מין פערד א הויכס מיט געלע מאכנאטע האר ערטערווייז מיט פליכעס, א ליפ א צעשפאלטענע צוויי הארבעס אויף די פלייצים, איך וואלט געמעגט שווערען א ווערבליוד! און א שווארצער ציגיינער זיצט אויף דער ערד איינגע־וויקעלט אין א ווייסע ווארעמע סוויטע און קוקט מיט אזעלכע אויגען גלייך ווי ס'איז איהם נמאס די גאנצע וועלט.

איך געה צו צו איהם נאהנט און בעטראכט איהם און בעטראכט די חיה מיט דער צעשפאלטענע ליפ און מיט די צוויי הארבעס.

— וואס איז דאס ביי דיר? — פרעג איך איהם — א ווערבליוד?

— א ווערבליוד — ענפערט ער מיר און קוקט נישט אין די אוי־גען אריין.

— וואס קאסט עס? — טהו איך איהם א פרעג און געה צו נאך נאהנטער.

פלוצלינג הויבט זיך אויף מיין ציגיינער, ציהט זיך אויס אין דערהויך ווי עוג מלך הבשן, טהוט א גלאנץ מיט די אויגען גלייך צו מיר אין פנים אריין און א פרעג:

— פאקופאיעם? — דו קויפסט?

— פאר וואס ניט? — ענפער איך איהם אויף קאטאוועס — וואס ווילסט דו פאר איהם?

— הונדערט מיט צעהן קארבען — ענפערט ער מיר — וויפיל גיסט דו?

— א פינף און צוואנציגער — זאג איך צו איהם אויף קאטאוועס.

— דאוואי דענגי! (גיב געלד!) — מאכט ער צו מיר און טהוט מיך א נעם ביי דער האנט אזוי פריינדליך, אז איך האב מורא זיך אויסדרעהען פון זיינע הענט, איך קוק מיך ארום אויף אלע זייטען און טראכט מיר: „וואס טהוט מען דא? קויפען? וואס טויג מיר א

מעשיות, ערצעהלונגען, ראמאנען, בריף פון וועג און נאך אזעלכע ליטעראַרישע אַרטיקלען.

בריף פון וועג! — הייסט עס, הומבאלדט, דאַרווין, ליווינגסטאָן, באַסטיאַן, אַנדרעע, פאָרסטער, ווייטץ און הונדערט אַנדערע בעריהמטע רייזענדע, וועלכע האָבען געשריבען זייערע בעריהמטע פאָרשונגען אין לויטער אַזאַלכע "בריף פון וועג", האָבען אייגענטליך געשריבען נאָר בעלעטריסטיקאַ. גאָר נישט שלעכט! הויפּטזעכליך געפעלט מיר די קלאָרע, ריין־ענציקלאָפּעדישע ערקלערונג: "און נאָך אַזעלכע ליטעראַרישע אַרטיקלען"!

ערדציטערנישען. אזוי ווערען אנגערופען פלוצליכע ציטערנישען פון א וועלכען עס איז א טייל פון דער ערד, ווען די סבות פון די ציטערנישען ליגען טיעף אונטער דער ערד. פערשיעדענע ערשיינונגען בעגלייטען יעדע ערדציטערניש: אפריהער הערט זיך א לארם און נאך דעם איינצעלנע שטויסען, וועלכע געהען טיעף פון דר'ערד. דאן הויבען אן די גלאקען קלינגען".

דער שרייבער פון דעם דאזיגען אַרטיקעל, דאכט זיך, האט געהערט קלינגען און ווייסט נישט וואו. אוי, אוי א קלינגען אביסל! נישט קשה פון א קלארען בעגריף קאן האבען דער זשארגאנישער לעזער פון איין ערדציטערניש, ווען ער זאל נישט געהן אין די מיטעלע און אין די אנפאנגס־שולען, נאר ער זאל לערנען פון דער זשארגאנישער ענציקלאפעדיע. אלזא: איין ערדציטערניש איז, ווען עס הערט זיך א לארם און נאך דעם איינצעלנע שטויסען, און דאן הויבען אן די גלאקען קלינגען! — גאנץ בעזונדערס וועט דער לעזער זיך לערנען א געדאנקען קלאר אויסצודריקען.

ניין, מיינע הערען! איין ענציקלאפעדיע מאכט מען נישט צווישען טאג און נאכט, עפּיס איין אבקומעניש, גלאט אזוי, חאפּ־לאפּ און נאדיר, דא האסטו! פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס...

און אויך פון אנדערע זאכען קומט קיין גוטס נישט ארויס. למשל: פון מסירות...

עס געהט א ציטערען אריבער איבער דער הויט, אז מען רעדט אויס דאס דאזיגע ווארט. איך געדענק, ווען איך בין נאך א קינד געוועזען און האב צופעליג אמאל געהערט א מעשה מיט א מסור, האט זיך מיר פארגעשטעלט, אז דאס מוז זיין אזא מין בעשעפעניש ווי א סלמנדרא, ווי איין אויערהאהן, ווי א פיפערנאטער און ווי נאך פארשידענע זאכען, וועלכע זענען נאר א משל אדער וועלכע מען זעהט זיי נאר אין מדבריות. ביי מיר אין מיין היימאטס־ארט איז דער דאזיגער מין גאר נישט פארהאנען געוועזען. און נאר ווי איך בין עלטער געווארען און בין אין פרעמדע שטעדט געקומען — מיינע אויגען זענען מיר פינסטער געווארען קוקענדיג, מיינע באקען האבען אלע מאל געמוזט פלאמען פאר בושה. איך האב מיינע ברידער און מיינע שוועסטער געזעהן, און זיי האבען געמסר'ט, געמסר'ט, געמסר'ט: זיי האבען פון דער פריה ביז ביי נאכט דאנאסען געשריבען. איך האב געקענט א טאטען, וועלכער האט זיין אייגענעם זוהן געמסר'ס, איך האב געקענט א ווייבל, וועלכע האט אנגעשריבען א דאנאס אויף איהר אייגענעם ברודער. איך האב געזעהן ווי טיעף די דאזיגע גרעסטע פון אלע מדות רעות האט זיך ביי יודען איינגעווארצעלט. איך בין געשטאנען מיט אויפגעריסענע אויגען, ווי מען שטעהט פאר א מגפה, פאר א זאראזע, פאר א פינסטערע מאכט, קעגען וועלכע עס איז קיין עצה נישט דא.

זייט דענסטמאל זענען פיעל יאהרען פארביי געגאנגען, די צרה איז אבער אלץ נאך די אייגענע.

אין עטליכע נומערן נאך איינאנדער דערציילען אונז צוויי שרייבער אין דעם "פריינד" מעשיות פון יודישע מוסרים, אז די האר שטעלען זיך איינעם קאפויר. גאנץ בעזונדערס מאכט א טיעפען איינדרוק ד"ר פ. לאנדער מיט זיין ארטיקעל "ועל חטא", וועלכען ער דרוקט אב אינ'ם "פריינד". נאכדעם ווי ער דערציילט אונז פון פארשידענע "קונציג אנגעשריבענע" דאנאסען, וועלכע ער האט געהאט די געלעגענהייט צו בעגעגנען און זיי צו לייענען, א דאנק זיין בע־

ווערבליוד? נישט קויפען האב איך מורא פאר פעט'ש"... און איך ווייס ניט וואס מיט מיר איז געווען... איך האב ארויסגענומען במחילת כבודי א פינפאינצוואנציגער און האב אוועקגעקויפט דעם ווערבליוד.

מערקווירדיג! אזוי ווי ס'איז פריהער נישט געווען קיין נפש אזוי איז מיט אמאל אויסגעוואקסען נעבען מיר א גאנץ רעדעל. און מע האט מיך גענומען באטראכטען מיט דע'ר מציאה וואס איך האב איינגעהאנדעלט.

— פעטער, וואס וועט איהר זיך הייסען געבען פאר דער נבלה?

איך האב געוואלט, מע זאל מיר אומקעהרען מיין געלד, איך האב געוואלט אנוועהרען פריה'ער א פינפערל, נאכדעם א צעהנערל — עס געהט ניט! איך האב איהם געוואלט אוועקגעבען אומזיסט, אוועקשענקען, האט מען מיר געזאגט:

— האלט זיך געזונטערהייד!

וואס טהוט מען? איבערלאזען איהם אין מיטען מארק און אליין אוועקגעהן? איז מיר געווען א בזיון און אביסל האב איך טאקי מורא געהאט אויך, טאמער געהט מען מיר נאך ביז'ן וואגזאל און עס ווערד געוואהרע מיין ווייב...

בקצור איך וועל אייך לאנג נישט מאריך זיין — איך האב צוגעצאהלט א פאר קערבלעך און בין קוים פטור געווארען פון א צרה?!

געקומען אהיים האב איך געטראפען מיין חיה עטלין אין טרערען: וואס איז די מעשה? ס'איז שוין לאנג פארהאן א דעפעש פון בויבעריק, די דעפעש איז געווען נאך איידער מיר זענען געקומען, אומזיסט געטעלעגראפירט, און דער באגאזש וועט זיין אויפדערנאכט.

— וואו ביזט דו אהינגעקומען? — פרעגט זי מיך — ווי אזוי נעמט דאס א מענש און ווערד פארפאלען אויף א גאנצען טאג און דרעהט זיך ארום איך ווייס ניט וואו און ווייס ניט וואס!

"דאנקען גאט" — טראכט איך מיר — וואס די ווייסט ניט, הלואי זאלסט דו טאקי ניט וויסען! . . . .

אז מיר זענען אריבער געפאהרען פון וואלאטשיסק קיין פאדוואלאטשיסק איז ביי מיר אראפ א שטיין פונ'ם הארצען. איך האב מיך אלע מינוט ארומגעקוקט צי מע פיהרט מיר ניט צוריק די מציאה וואס איך האב איינגעהאנדעלט? די יסורים וואס איך האב געהאט ביי וויזירען די פעסער, די צרות וואס איך האב געהאט פון מיין ווייב פאר דעם איינגעמאכטס, וואס מע האט ארויפגעלעגט אויף איהם א שטראף, און פאר די פאפּיראסען, וואס מע האט מיר ארויסגעווארפען, און ביים געלד וועקסלען, וואס די חלפנים האבען מיר פארדרעהט צווישען יא און ניין עטליכע קערבלעך, דאס אלעס איז געווען בלאטע אקעגען דעם נארישען ווערבליוד, וואס איז מיר ניט ארויסגעקראכען פון קאפ א גאנץ וועג, ביז גאט האט מיר באשערט א נייעס אומגליק אונטער קראקוי, וואס ווערד באשריבען אט דא — אביסל ווייטער.

שעפטיגונג אלס משולח פון דער בילדונגס־חברה אין פעטערסבורג, — דערציילט ער פון א געשפרעך, וואס ער האט אט דא נישט לאנג געהאט מיט א הויכען טשינאווניק.

„אמאל—האט דער בעאמטער געזאגט—האב איך געהאט די בעסטע מיינונג וועגען יודען. איך האב פיעל געהערט פון יודישע אחדות— אונ דערום האב איך געאכט דאס יודיש פאלק, א פאלק וואס לעבט אין אחדות, אין שלום, וואס שטרייט מיט פעראייניגטע כחות פאר זיינע אינטערעסען, מוז אמאל קומען צו א בעסערע אונ ווירדיגערע לאגע. איך האב אבער געמוזט איבערבייטען מיין מיינונג וועגען יודען, צייט איך געפין זיך אויף מיין שטעל אונ האב אפט צו טהון מיט יודישע ענינים. יעדען טאג זעה איך אלץ מעהר איין, אז נישט אחדות, נאר שנאה אונ מחלוקת הערשט צווישען יודען. אונ דאס קומט פאר אין אזא צייט, וואו די יודישע לאגע איז נאר נישט אם בעסטען אונ וואו אחדות איז פאר זיי אזוי נייטיג. איך פארשטעה פשוט נישט, ווי ביי אזא לאגע, אז דאס יודיש פאלק זינקט מאראליש אלס מעהר, קענען האבען א קיום אזוינע חברות, וואס ארבייטען פאר יודישע בילדונג. מיר האבען אין אונזער אקרוג צו טהון אויך מיט טאטערן, מאהמאדאנער, דייטשען, גריעקען, באלגארען אונ אנדערע נישט רוסישע נאציאנען; אבער ביי קיינעם פון זיי האבען מיר נישט געזעהען, אז א ברודער זאל אזוי פיינט האבען איין אייגענעם ברודער, אזוי פיעל גראבען איהם, ווי ביי יודען. פאר וואס איז דאס אזוי?"

אונ ד"ר לאנדער איז מוסיף:

„וואס האב איך געקאנט ענטפערן אויף אזוינע אמת'ע ווערטער? — איך האב געשוויגען, ווארום איך וויים נאך פיעל ע־גערע זאכען, ווי דער בעאמטער, איך וויים, ווי ווייט אונזער פאלק ליידט פון איהרע אייגענע זיהן, וואס געבען זיך קיין חשבון נישט אב אין זייערע מעשים, אונ וועגען א קלייניגקייט טוט מען אפ אזוינע זאכען, וואס ברענגען די גרעסטע רעה דעם כלל ישראל."

עס פלאמען איינעם די באקען, לייענענדיג א זאלכע זאכען, אונ מען הענגט אראב די אויגען.

אפשר וועלען די דאזיגע ווערטער אריין אין הארצען ביי איי־נעם פון הונדערט פון די דאזיגע מענשען!

אונ דער „ווארשאווסקי דניעווניק" האט געהערט די מעשה פון „הילף", וואס ווערד ארויסגעגעבען פאר די קישינובער פאראומגליקטע יודען, אונ אז די בעסטע רוסישע שריפטשטעלער נעמען איין אנ־טייל ביי דער ארבייט — אונ דא האט ער אנגעהויבען קלאגען.

„צו אונזער בעדויערן—אזוי שרייבט ער—האבען די אומ־גליקליכע קריסטען קיינמאל נישט געהאט אונ האבען אויך יעצט נישט א זאלכע „ארגאניזאטארען" ווי די יודען, וועלכע זאלען קענען דעם עסק געבען אזא מין „עפעקט" אונ זאלען אזוי קונציג קענען בעוועגען „די פיינסטע ל־בעראלע נערוועען" פון די „בעסטע רוסישע שריפטשטעלער".

געביך!...

לעקטאר.

פאליטישע ענינים.

(סערביע איז אומצופריעדען. בולגאריע איז מקנא סערביע. רוסלאנד אין חינא. ענגלאנד זאגט רוסלאנד מוסר)

דאס סערבישע פאלק, וואס איז, לויט די סערבישע ידיעות, זעהר צופרידען געוועזען מיט דעם מארד, וואס דאס מיליטער איז בעגאנגען, הייבט אן ווידער אומרוהיג אונ אומצופרידען צו ווערען. זייער האפנונג, אז קוים וועלען זיי לויז ווערען פון דעם לעצטען צווייג פון דער פאמיליע אברענאוויטש אונ עס וועט נאר בלייבען איין דינאסטיע קאראגעארגעוויטש, וועלען זיי לויז ווערען פון אלע פארטייאישע סכסוכים, האט זיך אויסגעלאזען אז עס איז א פאלשע. די סערבען האבען נישט, ווי די פראנצויזען נאך די ערמארדונג פון לודוויג דען 16, געמאכט א רעפובליק, נאר זיי האבען געמאכט פאר א קעניג דעם נאהנטסטען יורש פון דער פאמיליע קאראגעארגעוויטש. אין פראנקרייך איז דענסטמאל אויך געוועזען א יורש פון דער צווייטער פראנצויזישער דינאסטיע ארלעאן (לודוויג דער זעכצעהנטער איז געוועזען פון דער בורבאנישער דינאסטיע). די פראנצויזען האבען איהם אבער נישט געוועהלט אונ געגרינדעט די ערשטע רעפובליק. די סבה דערפון איז, וויל אין פראנקרייך האט דאס גאנצע פאלק געוואלט באפרייט ווערען פון די שווערע מלחמות, וואס עס האט זיך שטענדיג געמאכט אין לאנד, צוליב די סכסוכים פון איין דינאסטיע אונ דער אנדערער אונ דעריבער איז ביי זיי געבליבען גאר קיין קעניג נישט אויסצוקלויבען, נאר גרינדען א רעפובליק אונ דערמיט בעפרייען דאס לאנד פון די שטענדיגע מלחמות. אין סערביע אבער האט נישט דאס פאלק, נאר בלויס דאס מיליטער, וואס איז אנגערייצט געווען פון פיאטער קאראגעארגעוויטש מיט זיינע גוטע פריינד, ערמארדעט דעם קעניג אונ דער נייער קעניג פיאטער דער ערשטער, חאטש ער האט נישט קיין פרעטענדענט פון א צווייטער דינאסטיע, האט זיך נאך נישט געשאפט די ליבע אונ צופרידענהייט פון פאלק; דאס איז אויפגעבראכט, וואס מען האט דעם ערמארדעטען קעניג נישט מקבר געוועזען מיט פאראד, אונ זייער אומצופרידענהייט דריקען זיי אוים אין איין ארטיקעל אין דאס בלאט „נאראדני ליסט", אין וועלכען זיי פארלאנגען דורכאוים, אז אזוי ווי עס איז שוין אריבער 40 טעג זייט מען האט דעם קעניג ערמארדעט, זאל מען איהם מאכען א „פאנאחידא" (הזכרות נשמות). אין דעם איינעם בלאט זידעלט מען זעהר שטארק דעם סערבישען מעטראפאליט, סערביע דארף אמת'ע מענשען, אבער נישט אזוינע וואס הייגט חנפענען זיי דעם קעניג אונ מארגען שעלטען זיי איהם.

די אונצופרידענהייט פון אסך פארטייען פון פאלק דריקען אוים די צוויי בעריהמטע ראדיקאלען ניקאלאי פאסיטש אונ מיכאיל בואיטש, וועלכע זענען ארויסגעטרעטען פון דער רעגירונגס בעי־ראט, וואו זיי טון באמת קיין ארבייט נישט אונ פארנעמען דארטען נאר עהרען־שטעלען. די ביידע ראדיקאלען, וועלכע האבען אזוי פיעל געארבעט פאר די פרייע קאנסטיטוציע פון פאלק, זענען מיט רעכט בייז, וואס מען האט זיי ביי דער נייער רעגירונג אין גאנצען פאר־געסען אונ זיי זוכען היינט דאס לאנד ווידער אין אונרוהיגען צושטאנד צו ברענגען.

אונ בולגאריע, די נעהנטסטע שכנה פון סערביע, זעהט דעם

גרויסען גליק, וואס דאס פאלק האט געמאכט, אז זיי האבען בעקומען א נייעם קעניג, זענען זיי מקנא די סערבען. זיי זענען אויך אומצופרידען מיט זייער פירשט פערדינאנד אונ די אמעריקאנער בלעטער, וואס האבען בכלל ליב גוזמאות אונ "סענסיאציעס", ברענגען שוין ידיעות, אז מען וויל מיט פערדינאנד טון דאס אייגענע, וואס מיט אלכסנדר'ן אונ אז דער פירשט ווייסט עס, נאר ער קאן זיך נישט העלפען. די פארשווערונג איז זעהר גוט ארגאניזירט אונ דער פירשט איז דערייבער געצוואונגען צו זיצען פארשפארט ביי זיך אין צימער.

ענגלאנד איז ווידער מקנא די רוסישע רעגירונג, וואס האלט נאך אלץ איהרע סאלדאטען אין מאנדזשוריע אונ מאכט אפילו קיין הכנות נישט זיי ארויסצונעמען פון דארט. דאס זעלבע ענגלאנד, וואס האט איהרע סאלדאטען נישט ארויסגענומען פון עגיפטען א לאנגע צייט נאך דער מלחמה, אונ יעדעס מאל אז פראנקרייך האט איהר דערמאנט מכח דעם האט זי געפונען א פאלשען תירוץ, זאגט היינט רוסלאנד מוסר פאר וואס זי נעמט נישט ארויס איהרע סאלדאטען פון מאנדזשוריע. נאר רוסלאנד פארטיגט איהר נישט אב מיט פוסטע תירוצים, רוסלאנד ווייזט אויף, אז זי איז מקיים ריכטיג ווי עס איז געשריבען אין שלום־טראקטאט, אז ערשט דענסטמאל, ווען עס וועט אין חינא אין גאנצען רוהיג ווערען, איז זי מחויב ארויסצונעמען איהרע סאלדאטען פון חינא. דער צושטאנד אין חינא ווערד אבער נישט רוהיגער, נאר אדרבא, עס ווערד אלץ אומרוהיגער. די טעלעגראמעס ברענגען אפט ידיעות פון רציחות, וואס עס קומען דארטען פאר טייל מאל געגען די מיסיאנערען אונ פרעמדע אונ טייל מאל געגען די אייגענע חינעזער, וואס האבען אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען. ביי אזא צושטאנד טאר גאר רוסלאנד איהרע סאלדאטען פון דארטען נישט ארויסנעמען, זי מוז זיי דארט האלטען, כדי צו זיכערען דאס לעבען פון די אייראפייער, וועלכע געפינען זיך אין חינא.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— פון בעלגראד שרייבט מען, אז דער קעניג פיאטער האט בעזוכט דעם אלטען אונ נייעם קריסטליכען בית עולם, אויך האט ער בעזוכט דעם קבר פון קעניג אלכסנדר, כדי צו בערוהיגען די וואס בעשולדיגען איהם, אז דער מארד איז געטאן געווארען מיט זיין רצון.

— אין די רוסישע באהנען רעכענט מען איינצופיהרען עקסטרא־וואגאנען פאר ברוסט־ אונ שווינדזוכט, קראנקע.

— אין סאמארא (רוסלאנד) איז געוועזען א גרויסע שרפה: עס איז פארברענט געווארען דער גאנצער "תבואה־פלאץ", 500 הייזער אונ 180 תבואה שפייכלער, עלף פראכט־שיפען, באנאזען מיט תבואה, צוויי מיט א האלב מיליאן פוד ווייץ, דריסיג מענשען זענען פארברענט געווארען. דער שאדען אין געלד בעטרעפט 8 מיליאנען, דאס רוב איז נישט געוועזען אסעקורירט.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. דער בירזען קאמיטעט אין ניקאלאיעוו האט זיך געווענדעט מיט א בקשה צו דעם דארטיגען "גאלאווא" ער זאל זיך משתדל זיין, אז אין די האנדעל־שולע, וועלכע איז געגרינדעט דורך די שטעדטישע סוחרים, זאל מען צונעהמען יודען וועניגסטענס 50 פראצענט.

— דער רוסישער קייזער האט לויט דעם פארטראג פון רעגירונגס סעקרעטער מוראוויאוו געגעבען דעם יוסטיץ־מיניסטער די ערלויבניש, אלס א יוצא מן הכלל, צו לאזען די יודען, וואס זענען פארמשפט געווארען צום פארשיקען, מיטצונעמען מיט זיך זייערע קינדער זכרים פון 5 ביז 15 יאהר, אזוי ווי עס איז ערלויבט די פארשיקטע פון אנדערע רעליגיעס.

— די אדעסער צייטונג שרייבען, אז מען רעכענט צו גרינדען אין דרום רוסלאנד א שולע פאר חזנים. ה' שיינמאן אויס וואַרשא, וועלכער איז דער הויפט־עסקן אין דעם, האט זיך געווענדעט וועגען דעם צו איינינע רבנים. די צייטען איז ער געוועזען אין אדעס אונ פון דארט האט מען שוין איועקגעשיקט א בקשה וועגען דער חזנישער שולע צום מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג.

— דער בעוואוסטער שרייבער ש"י איש הורוויץ האט מנדב געווען 3000 רובל לטובת א יודישע אקאדעמיע אדער א האכשולע, וואס וועט געגרינדעט ווערען אין יודישען נאציאנאלען גייסט.

— ביי דעם מיניסטעריום דעם אינערן איז אנגעקומען א בקשה מען זאל ערלויבען יודען צו קויפען קליינע חלקים ערד אין די מערב־צפונדיגע גובערניעס.

— די קריסטליכע דיענסט ראצקא, וועלכע האט דערהרג'עט איהר מאדאם מאריא הירשבערג אויס וואַרשא, האט מען פארמשפט אויף 12 יאהר "קאטערזשנע ארבייט".

— דער ארכירי פון וואהלינער גוב. אנטאני איז ענדע יוני געוועזען אין אלט־קאנסטאנטין, די יודישע געמיינדע האט איהם עמפפאנגען ביי דער אלטער שוהל אונ האבען איהם ארויסגעטראגען א ספר תורה אונטער א זיידענער חופה אונ האבען געבענשט דעם גייסטליכען, וואס פרעדיגט מענשען־ליבע. דער גייסטליכער האט געדאנקט פאר דעם כבוד, וואס מען האט איהם אנגעטאן, האט געקושט די ספר תורה אונ האט די גאנצע געמיינדע געבענשט: "גאט זאל אייך געבען איהר זאלט לעבען בשלום מיט אייערע קריסטליכע ברידער, וואו ליבע דארטען איז גאט!"

ענגלאנד. מיטוואך דעם 22 יולי איז קעניג עדוארד אונ די קעניגען אלכסנדרא געוועזען אין דובלין אונ האט עמפפאנגען פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע ד"ר האריס אונ ד"ר ראזענטהאלי וואס האבען איהם דערלאנגט איין אדרעס פון דער דובלינער יודישער געמיינדע, אין וועלכען זיי דריקען אויס זייער טריי־הייט צו זייער קעניג.

— ה' שמואל מאנטאגו אויס לאנדאן האט בעשלאסען צו געבען א סומע פון 30,000 פונט שטערלינג אויף צו בויען ביליגע דירות פאר די ארעמע יודען אין לאנדאן, כדי זיי זאלען קענען ארויס פון זייערע דירות אין "איסטענד", וואו זיי וואהנען אזוי ענג, ער איז זיך משתדל, אז לארד ראטשילד, וואס איז דער פרעזידענט אין דעם הילפס קאמיטעט, זאל דערצו געבען 100,000 רובל.

III. ציוניסטישע נייעס.

— דער זעכסטער קאנגרעס אין באזעל וועט זיך אנהויבען דעם 23 אויגוסט אונ וועט געדויערען ביז דעם 28־טען אויגוסט (א דר"ח אלול ביז ו' בו). די טאגעס־ארדענונג איז:

1) די עפענונג פון קאנגרעס דורך ד"ר ט. הערצל.

2) מאנדאטען־קאמיסיאן.

3) די בחירות פון ביורא אונ קאמיסיעס.

4) דער חשבון פון אקציאנס קאמיטעט. דורך ארכיטעקט אסקאר מארמארעק אונ ד"ר א. קאקעש.

5) ויכוחים איבער דעם חשבון.

6) דער חשבון פון די לאנדס קאמיטעטס.

7) פאליטישער רעפעראט פון ד״ר מאקס נארדוי.

8) דער ישוב ד״ר פראנץ אפענהיימער.

9) דער ציוניזמוס און די צדקה חברות פון י. זאנגוויל און נ. סאקאלאוו.

10) דער חשבון פון נאציאנאל־פאנד פון י. קרעמענעצקי.

11) איבער די נאציאנאל־פאנדס קאמיסיאן פון ד״ר פארבשטיין.

12) ארגאניזאציאן און אגיטאציאן פון סיר פראנצים מאנטעפיארעי ד״ר באדענהיימער און ד״ר קלעע.

13) איבער די יודישע קאלאניאל־באנק ד. וואלפסאהן.

14) איבער די שטענדיגע קאמיסיעס.

15) בחירות פאר דעם אקציאנס קאמיטעט און פאר די שטענדיגע קאמיסיעס.

16) פראיעקטען און פארשיעדענעס.

— דעם 17 און 19 יולי איז אין וויען געוועזען די נאציאנאל־פאנד קאמיסיאן, אין וועלכע עס האבען גענומען אנטייל ד״ר באדענהיימער; ד״ר פארבשטיין; ה׳ קרעמענעצקי; ד״ר י. ווי מארמארעק; ד״ר קאקעש און ארכיטעקט א. מארמארעק. עס איז בעשלאסען געווארען:

1) די יוריסטישע פערזאן פון נאציאנאל־פאנד זאל זיצען אין ענגלאנד.

2) מיט דעם געלד פון נאציאנאל־פאנד זאל מען קויפען לאנד.

3) די הויפט בעלי־בתים פון נאציאנאל־פאנד זענען די גריינדער פון דעם יודישען קאלאניאל־באנק און זיי זענען מחויב צו טון מיט דעם געלד פון נאציאנאל־פאנד לויט דעם בעשלוס פון קאנגרעס.

ה׳ ד״ר פארבשטיין איז שוין וועגען די יוריסטישע פערזאן פון נאציאנאל פאנד געפאהרען גלייך פון וויען נאך לאנדאן, וואו ער וועט זיך מיט א דארטיגען ארוואקאט בעראטען וואס מען דארף טון ויענען דעם.

— אין שאנחיי (חינא) האט זיך נעגרינדעט א ציוניסטישע חברה.

— דאס רוסישע מיניסטעריום פאר פאסט און באהנען האט פאר־באטען צו קלעבען ציוניסטישע מארקעס אויף די קאנווערטען און אויף פאסט־קארטען אויף די זייט וואו מען שרייבט די אדרעסע.

— לויט ווי דער „וויעסטנ. יוגא" שרייבט האט מען אין יעקא־טערינאסלאוו בעקומען א צירקולאר פון דעם רוסישען מיניסטער דעם אינערן, צו פארבאטען יעדע ציוניסטישע אספה און דאס זאמלען נדבות פאר ציוניסטישע צוועקען.

אין „אוקאז" פון קישינובער קאנסיסטאריום.

אין דעם אפיציעלען טייל פון „קישינובער יעפארחאלנעם וויעדאמאסט" איז אבגעדרוקט:

לויט דעם בעפעהל פון זיינע קייזערליכע האהייט, האט דאס קישינובער גייסטליכע קאנסיסטאריום אויסגעהערט די רעזאלוציע פון דעם קישינובער יעפיסקאפ, וועלכער האט זיך בעצויגען אויף די רעד פון דעם אבער־פראקיראר פון דעם היילגע סינאד, וועגען די פראגע אנצווועגדען מיטלען ווי אויסצוווארצלען די שנאה פון די פראוואסלאוונע געגען די יודען. אין די רעזאלוציע ווערד געזאגט: „מען שרייבט פאר די דוכאווענסטווע פון קישינובער עפארכיע, אז זי פון איהר זייט זאל ווירקען אויף די פראוואסלאוונער בעפעלקערונג, צווישען וועלכע עס וואהנען יודען. אויסצוווארצלען דעם שנאת־הדת פון די פראוואסלאוונע געגען די יודען, דורך דרשות אין די צערקוועס און דורך אונטערהאלטונגען נישט אין דער צייט פון גאטעס־דיענסט. דער סינאד בעפעהלט, אז דאס קאנסיסטאריום זאל דאס בעזארגען". דאס קאנסיסטאריום האט באשטעטיגט צו שרייבען צירקולארען צו אלע גייסטליכע אין דער עפארכיע, אז זיי זאלען ווירקען אויף די פראוואסלאוונע בעפעלקערונג אויס צו ווארצלען דעם גלויבענס־האס פון די פראוואסלאוונע געגען די יודען דורך דרשות און אונטערהאלטונגען נישט אין דער צייט פון גאטעס־דיענסט, די גייסטליכקייט זאל זיך צו דעם צוועק בענוצען מיט דער דרשה, וואס איז אבגעדרוקט אין No. 11 פון דעם „יעפארחאלני וויעדאמאסטי" און איז ארויסגעגעבען געווארען אויף רוסיש און מאלדאוואנישער שפראך.

אין דער דרשה געפינען זיך די ווערטער.

„מיר לעבען איצט איבער שווערע טעג. עס הערשט ביי אונז איין אלגעמיינע אונצופרידענהייט מיט דעם אייגענעם מזל. קנאה און אונגוטקייט צו אנדערן, רויבען יענעמס פארמעגען און רציחות, האבען זיך אין די לעצטע צייט שטארק פארמעהרט ביי אונז; עס איז שוין אזוי ווייט געקומען, אז מען בעפאלט אויף רוהיגע מענשען, מען צע־ברעכט זייערע הייזער, צעראבירט זייערע קראמען און מען הרג׳עט אלטע, יונגע און קליינע קינדער, וואס האבען נישט ווער עס זאל זיך פאר זיי אננעמען.

וואס פאר א פנים האט דאס? מענשען האבען שוין אן גאט פארגעסען, מענשען זענען געווארען אזוינע אכזרים, אז זיי ריהרט נישט מעהר קיין טרער, קיין קרעכץ פון פארוואונדעטע. בארמהאר־ציגער גאט! וואס טוט זיך איצט אויף דער וועלט, וואס האבען מיר דערלעבט און וואס וועלען מיר נאך דערלעבען!

פאר וואס איז דאס אזוי? וואו ליגט די סבה פון דעם?

אט די אלע שרעקליכע רציחות, פון וועלכע הערענדיג ווערד פארקיהלט דאס בלוט אין די אדערען, די האהר אויפ׳ן קאפ שטעלען זיך קאפויר און דאס הארץ ווערד פארקלעמט, אזוינע פארברעכען, וועלכע דער שטרענגער מענשליכער און געטליכער געריכט וועט שטארק בעשטראפען און דאס געוויסען וועט אייביג, אייביג פלאגען; אט די אלע פארברעכען קומען ארויס דערפון, וואס שלעכטע פאר־דארבענע מענשען פארזייען שנאה צווישען איין מענש און דעם אנדערן. אט די אייגענע נישט פארגיניר, וואס האבען דעם מענשען פארביטערט דעם זיסען גן־עדן, פארביטערן נאך היינט איהם דאס לעבען, וואס איז שוין גענוג ביטער אהן דעם. און דאס האט גורם געוועזען, אז מענשען וואס זענען בעשאפען בצלם אלהים, וואס גלויבען אן גאט און אין די לעהרע פון די היילגע אמונה, האבען געטאן אזוינע שרעקליכע רציחות געגען די יודען, ווי מען האט גע־זעהן אין קישינוב היינטגען פריהלינג. אומעטום געהט ארום א גערעד, אז מען דארף ראבירען יודען, דאס אלץ פארברייטען די שלעכטע פארדארבענע מענשען, וואס ווילען צוליב וואס פאר עס איז אגעהיימע סבה, אויפהעצען איין פאלק געגען דעם צווייטען: די סכנה, אז עס זאל נישט אויסברעכען ווידער קיין רציחות, איז זעהר גרויס און דערי־בער האלט איך פאר א היילגען חוב אויפווייזען ווי ווייט אהן א יסוד

עס איז די שנאה געגען מענשען פון איין אנדער גלויבען סאי נאך די ווערטער פון אונזער גאט און סאי נאך דעם מענשליכען שכל.

אלע מענשען זענען באשאפען בצלם אלהים, אלע קומען מיר ארויס פון אונזער אורפאטער אדם הראשון און ווי עס איז בעוואוסט האבען אלע געגלויבט אין איין גאט, ערשט שפעטער האבען מענשען אנגעהויבען דיענען אלערליי אפגעטער און עס איז געווארען שנאה צווישען איין גלויבען און דעם אנדערען. אבער אונזער גלויבען הייסט אונז ליבען אלע מענשען אפילו אונזערע שונאים און ווי נישט ריכטיג טון די מענשען, וועלכע רייצען אן דעם פראסטען עולם, מען זאל בערויבען און הרג'ענען די יודען. ווי שטארק זענען זיך טועה די מענשען, וואס זאגען: יודען זענען נישט קיין מענשען, זענען נישט קיין גלויביגער, זענען בעטריגער; מען דארף זיי דערפאר שלאגען און אונטערדריקען; גנב'ענען און בערויבען יודען איז גאר קיין זינד נישט!

איז דען דאס אמת? גלויבען זיי דען נישט אין גאט און היטען זיי נישט די תורה? זענען דען נאר יודען אליין בעטריגערס? זענען זיי דען אלע אזוי? — ניין, עס איז דא צווישען זיי אסך ארענטליכע מענשען. און טאמער טוט א יוד איין עולה דעם קריסט, איז דאך דא פאר איהם א משפט, וואס וועט איהם בעשטראפען. אין די הייליגע געבאט איז געשריבען דו זאלסט נישט גנבענען, מיינט מען דאס מען זאל ביי קיינעם ניט גנב'ענען, נישט ביי קיין ארימען, נישט ביי קיין רייכען נישט ביי קיין קריסטען און נישט ביי קיין יודען און ווער עס איז דערויף עובר וועט שטארק בעשטראפט ווערען סאי פון מענשען סאי פון גאט".

נאך פיעל אזעלכע שטראפרעד און ראיות פון פסוקים פון עוואנגעליום ווערד געבראכט אין דער אייגענער דרשה, וואו עס ווערד בעוויזען, אז מען דארף איינער דעם צווייטען ליב האבען און נאר שלום און ליבע קאן גליקליך מאכען די מענשהייט.

ידיעות וועגען קישינוב.

— דורך די רעדאקציע פון „וואסחאד" איז צונויפגעקומען גע-ווארען ביז דעם 1־טען יולי 47.498 רובל פאר די פאראונגליקטע יודען אין קישינוב.

— די קישינוב'ער פאליציי האט פון אפריל ביז ענדע יוני גע-געבען 350 גובערנאטארסקי פעסער פאר יודישע פאמיליעס, וואס עמיגרירען קיין אויסלאנד.

— לארד מילנער, דער גענעראל-גובערנאטאר פון טראנסוואל האט מנדב געווען פאר די קישינוב'ער יודען 25 פונט שטערלינג.

— די שוישפיעלערין אין די רוסישען קייזערליכע טהעאטער'ס קאמיסארזשעווסקא האט דעם 16־טען יולי געשפיעלט אין מאסקווא אין „אקוואריום"־טהעאטער און די גאנצע הכנסה איהרע 1500 רובל האט זי מנדב געווען פאר די קישינוב'ער יודען, וואס האבען געליטען פון פאגראם.

— ה' ל. כהן אויס קישינוב האט זיך אין בערלין געזעהן מיט איניגע פון די חברים פון יק"א, ער האט זיי פארגעלעגט, אז זיי זאלען העלפען די יודען, וואס ווילען אויסוואנדערען פון קישינוב, זיי אליין, די אויסוואנדערער, וועלען דערויף געבען איין ערך פון 400.000 פראנק און די איבעריגע זאל יק"א לייהען. אזעלכע פאמיליען, וואס ווילען זיך בעזעצען אין פלשתינא און אין די דערביייגע ערטער, זענען דא ביז 100. דערווייל איז אבער די בקשה נאך נישט אנגענומען, דערפאר אבער האט די יק"א אנגענומען דעם פראיעקט צו מאכען פאר די קי-שינוב'ער עמיגראנטען קאלאניעס אין ארגענטינא און צוליב דעם איז ה' דוד קאזעס דער דירעקטאר פון די קאלאניעס אין ארגענטינא גע-קומען אין קישינוב.

ה' פיינבערג, וועלכער איז געניט אין קאלאניזאציע, מיינט, אז די קישינוב'ער יודען זענען נישט מסוגל צו לאנד-ארבייט, און דע-ריבער וועט מען אפשר נעמען פאר קאלאניסטען די יודען פון ד' דערפער וואס ארום קישינוב.

די אמת'ע רוצחים פון דובאסארער בלבול.

דער געהיים-פאליציסט קאנסטאנטין מאטוויעוו, האט דערציילט אקוראט א יודישען קארעספאנדענט, ווי אזוי ער איז דערגאנגען ווער עס זענען די אמת'ע רוצחים פון דעם יונגעל ריבאטשענקא, (און נישט ריבאלענקא) און ווי אזוי זיי האבען זיך געמוזט מודה זיין.

כמעט צוויי חדשים נאך אנאנד, פון 12־טען מאי ביז דעם 27־טען יוני, האט מאטוויעוו געארבעט ארויסצובעקומען דעם אמת. אלע חיטראסטען פון דער וועלט האט ער אויסגענוצט, כדי צו דערגרייכען זיין צוועק.

באלד ווי ער איז געקומען אין דובאסאר, האט זיך דער געהיים-פאליציסט מאטוויעוו בעזעצט אין דעם דארף אוסטין, וואס איז אויף יענער זייט פון טייך דניעסטער, דארט האט זיך ה' מ. פאר-שטעלט פאר א פאסט-בעאמטער און האט זיך געדונגען א וואהנונג ביי א פויער, וועלכען ער האט געזאגט, אז זיין פאמיליע וועט ערשט קומען שפעטער אין זומער זיך קורירען און באדען אין דניעסטער. דערנאך האט זיך ה' מאטוויעוו פארשטעלט פאר א פשוט'ען יודען און האט זיך א נאמען גענומען הירש נודעלמאן און אלס יוד איז ער אלע טאג אריבער דעם דניעסטער און איז געקומען קיין דובאסאר, וואו ער איז ארומגעגאנגען מיט די יודען און האט געזוכט צו דער-וויסען זיך דעם אמת. אזוי איז ער אריינגעקומען אין א יודישע שוהל דאווענען דארט ביידע טעג שבועות און האט זיך געמאכט דאווענדיג, קיינער פון די יודען האט נישט דערקענט אין איהם, אז ער איז נישט קיין יוד, ווייל ער רעדט אויסגעצייכענט גוט זשארגאן. אט אויף אזא אופן האט ה' מאטוויעוו חוקר ודורש געווען ביי די דובאסארער יודען און האט זיך סוף כל סוף איבערצייגט, אז די דובאסארער יודען זענען אין גאנצען אומשולדיג אין דער רציחה, אז עס איז נאר א בלבול, וואס זייערע שונאים האבען אויף זיי אויסגעטראכט, און באלד האט ער זיך גענומען צו זוכען דעם אמת'ען רוצח צווישען די פויערען, ביי וועלכע מיכאיל רובאטשענקא איז געבוירען און גע-וואקסען. צוליב דעם האט ער זיך אנגעהויבען צו חבר'ען נאר מיט די פויערען, שמועסען מיט זיי און טיילמאל זיצען ביי א גלעזעל וויין און תמיד געהאלטען אפען אויגען און אויערען, טאמער וועט ער עפיס דערהערען, טאמער וועט ער עפיס דערזעהן, דעריבער האט ער

זיך פארשטעלט אמאל פאר א פראסטען פויער און פלעגט צוזאמען מיט נאך אנדערע פויערען אקערען די ערד, פלעגט מיט זיי עסען צוזאמען, שלאפען צוזאמען און פלעגט זיך ביי נאכט אלץ צו הערען, וואס זיי רעדען צווישען זיך, דען ער פארשטעהט אויך זעהר גוט מאלדאוואניש. איינמאל האט זיך מאטווייעוו פארשטעלט פיר א מאנאך און איז ארומגעגאנגען אין די גערטנער בעטען נדבות, עסען מיטאג און נעכטיגען. אויף דעם אופן האט זיך מאטווייעוו בעקאנט געמאכט מיט דעם געהרג'עטען ריבאטשענקעס זיידע, מיט דעם אלטען קאנאן ריבאטשענקא, וועלכער איז ביי דעם דארטיגען עולם א קדוש זייט מען האט געהרג'עט זיין איינינקעל. ער האט זיך שטארק געפרייט יעדעס מאל, ווען דער מאנאך איז צו איהם געקומען און האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און מיט איהם זיך גערן אונטערהאלטען. עס פארשטעהט זיך, אז פארבייגעהענדיג האט ער מיט איהם א שמועס געטאן וועגען די רציחה פון זיין איינינקעל מיחאיל ריבאטשענקא און יעדעס מאל האט דער אלטיטשקער ביטער געקרעכצט אויף זיין איינינקעל, נאר קיין ריכטיגע ידיעות האט ה' ה' מאטווייעוו פון אלטען נישט בעקומען, חאטש ווי עס ווייזט אויס האט ער יא געוואוסט, ער האט אין הארצען א פנים מוחל געווען דעם רוצח און איז צופרידען געוועזען, וואס צוליב דעם איז ער ביים עולם געווארען א מין קדוש.

נאר ה' מאטווייעוו האט זיין האפנונג נישט אויפגעגעבען, ער איז זיכער געוועזען, אז נאר די קרובים פון דעם געהרג'עטען יונגעל האבען איהם דעם טויט געמאכט, כדי צו בעקומען זיין רייכע ירושה פונ'ם אלטען קאנאן ריבאטשענקא, דען ער איז געוועזען דער איינציגער איינינקעל ביים אלטען, וואס איז איהם געבליבען נאך זיין איינציגען געשטארבענעם זוהן. א פרעטענזיע צו דער ירושה האט אבער אויך געהאט איינער מיחאיל טימאשציק, וואס איז אמאל געוועזען דעם אלטען ריבאטשענקאס איידעם, נאר אז דעם אלטענס טאכטער, טימאשציקס פרוי, איז געשטארבען און אויך טימאשציקס זוהן, וואס איז ביים לעבען געוועזען א קראנקער אידיאט איז געשטארבען, האט טימאשציק חתונה געהאט מיט איין אנדער ווייב און זי האט איהם געבוירען איינינגע קינדער און די גאנצע צייט האט טימאשציק געוואהנט ביים געוועזענעם שווער, קאנאן ריבאטשענקא. דעם אלטען שווער האט דאס שטארק פארדראסען און האט תמיד געזוכט פלענער ווי אזוי פון איהם לאז צו ווערען. ווי אזוי אוועקצונעמען פון זיין געוועזענעם איידעם זיין דירה און עס אוועקגעבען זיין איינינקעל מיחאיל ריבאטשענקא. דאס אלץ האט געוואוסט מיחאיל טימאשציק און דעריבער האט ער שרעקליך פיינד געהאט זיין געוועזענעם פלעמיאניק מיחאיל ריבאטשענקא, נאך גרעסער איז זיין שנאה געווארען, אז ער האט זיך דערוואוסט, אז זיין אמאליגער שווער האט זיין גאנץ פארמעגען אבגעשריבען ביים נאטאריוס אויף זיין איינינקעלס נאמען, דאס איז געוועזען א קורצע צייט פאר דער רציחה, און דאס האט געבראכט מיחאיל טימאשציק, ער זאל הרג'ענען דעם יונגעל מיחאיל ריבאטשענקא.

ה' מאטווייעוו, אז ער האט זיך דערוואוסט די גאנצע מעשה מיט דער ירושה, איז ביי זיך זיכער געוועזען, אז נאר מיחאיל טימאשציק איז דער אמת'ער רוצח און ער האט אנגעהויבען זוכען אותות ומופתים, ווי צו דערווייזען דעם אמת און איהם איז עס געראטען. פארבייגעהענדיג פאר א ווייננגארטען, וואס איז נישט ווייט פון יענעם גארטען, וואו מען האט דעם דערהרג'עטען געפונען, האט ער זיך בעקאנט געמאכט מיט דעם וועכטער פון גארטען, אנטאן טישצענקא, וועלכער איז בעוואוסט אין דער גאנצער שטאדט פאר א גרויסען שכור און איין אכזר, ה' מאטווייעוו האט מיט זיין גלייכען שכל בערעכענט, אז עס קאן גאר נישט געמאלט זיין, אז אנטאן טישצענקא, וואס איז אזא נאהנטער שכן צום ארט, וואו די רציחה איז געווען, זאל גאר נישט וויסען, ווי איז שייך, האט ער נישט געהערט א געשריי, א קרעכץ? זעהר אפט פלעגט דער פארשטעלטער גע־יים־פאליציסט קומען צום וועכטער און מיט איהם מאכען א פריינדליכען שמועס און בדרך אגב א פרעג טון וועגען דעם גע'הרג'עטען יונגל און האט איהם אויך געבעטען, ער זאל איהם ווייזען דאס ארט, וואו די רציחה איז געוועזען. ביי אזא שמועס פלעגט מאטווייעוו קוקען מיט אפענע אויגען אויף דעם וועכטער, און יעדעס מאל האט ער זיך איבערצייגט, אז ער איז, חס ושלום, נישט קיין חושד בכשרים, דען ווען מען פלעגט נאר דערמאנען פון דעם גע'הרג'עטען ריבאטשענקען פלעגען זיך ביי'ם וועכטער בייטען אלערליי קאלירען אויף דעם פנים. נאך מעהר האט זיך דער חשד ביי איהם געשטארקט, אז זיי זענען צוגעקומען צום ארט, וואו די רציחה איז געוועזען, דען אנטאנ'ס קול איז ווי פערשטיקט געווארען און די קניעס האבען ביי איהם געציטערט און געפיבערט... אזוי האט ה' מאטווייעוו אויסגעפארשט דעם וועכטער אנטאן טישצענקא און יעדעס מאל איז ביי איהם שטארקער געווארען דער גלויבען, אז זיי ביידע, מיחאיל טימאשציק און אנטאן טישצענקא זענען די אמת'ע רוצחים פון דעם יונגל מיחאיל ריבאטשענקא. אם 27 יוני האט זיך ה' מאטווייעוו אנגעקליידט זיין אוניפארם און צוזאמען מיט געוואפנעטע פאליציי איז ער בעפאלען אויף מיחאיל טימאשציק און אנטאן טישצענקא מיט דעם ווייב און האט זיי געשלאסען אין קייטען און געבראכט אין דובאסארער טורמע צו דער סליעדסטוויי. דארטען האט זיך אנטאן טישצענקא מודה געוועזען און דערציילט די גאנצע געשיכטע, ווי מיחאיל טימאשציק האט איהם דעם 9־טען פעברואר געבראכט דעם יונגל מיחאיל ריבאטשענקא אין גארטען און אז מיחאיל טימאשציק האט אזוי לאנג געשלאגען דעם יונגל אין קאפ ביז ער איז געפאלען אין חלשות און דערנאך האט ער איהם אריינגעשלעפט אין א קעלער און ער, אנטאן, האט איהם דערלאנגט א שארף מעסער און מיחאיל טימאשציק האט איהם צעשניטען דעם האלדז און א שטראם בלוט האט געשפריצט. דערנאך האט מיחאיל טימאשציק צעשניטען דעם יונגעל'ס גוף אין איינינגע ערטער, און אז אנטאן טישצענקא האט איהם געפרעגט צו וואס ער טוט דאס? האט ער איהם געענטפערט, אז ער טוט עס מיט א כיון, כדי ארויפצווארפען דעם חשד אויף די יודען, אז זיי האבען עס געטאן צו א רעליגיעזען צוועק, אזוי ווי עס איז איצטער קורץ פאר פסח. דאס איז דעם וועכטער אויך געפעלען. אז זיי האבען זייער ארבייט געענדיגט האבען זיי דעם הרוג געלאזען אין קעלער ביז דעם 13 פעווראל, ערשט דענסטמאל האבען זיי איהם ארויסגענומען און האבען איהם אוועקגעלעגט אנגעטאן אין די קליידער אין דעם דערבייאיגען גארטען און אין שטאדט איז ארוים א קלאנג, אז די יודען האבען דאס יונגל געהרג'עט.

לויט די עדות פון וועלכער האט טימאשציק איהם צוגעזאגט צו געבען פאר זיין טרחה 50 רובל, נאר ער האט נישט געהאלטען קיין ווארט, און דעריבער איז אנטאן טישצענקא וויפיעל מאל בייז געווארען און האט איהם געוואלט פארמסר'ען, נאר ער האט איהם געסטראשעט, אז ער וועט מיט איהם טון אזוי ווי ער האט געטאן מיט ריבאטשענקען און דעריבער האט ער מורא געהאט אויסצוזאגען. באלד ווי מען האט געפונען די רוצחים האט מאטוויעוו טעלעגראפירט דעם אבער-פרא־קוראר אין אדעסא, וועלכער האט איהם באלד געדאנקט זעהר פאר זיין וויכטיגע ארבייט. באלד זענען געקומען קיין דובאסאר דער "סודע־בני סליעדאוועטעל" און דער טאווארישץ־פראקוראר און פאר זיי האט זיך אויך אנטאן מודה געווען דאס אייגענע און מען האט געמאכט ביי ביידע א רעוויזיע און מען האט דארטען געפונען זאכען און קליידער בעפלעקט מיט בלוט. ביי מיכאיל טימאשציק האט מען גע־פונען א מאנטעל און א היטל בעפלעקט אין פיעל ערטער מיט בלוט און ביי אנטאן טישצענקא האט מען געפונען א ווייסע דעקע מיט בלוט־פלעקען. טישצענקא האט ערקלערט, אז נאך דער רציחה זענען טימאשציקס הענט געווען איינגעריכט אין בלוט און דעריבער האט ער איהם דערלאנגט די דעקע זיך אבצווישען די הענט. נאך א צייכען האט ער געגעבען, אז אן איינע פון די סטאלבעס ארום גארטען, איז געבליבען די פארמע פון א האנט געצייכענט מיט בלוט, דען אין דעם סטאלב האט זיך מיכאיל טימאשציק בכיון אנגעהאלטען פאר דעם ארויסגעהן, כדי צו דערווייזען, אז דער רוצח איז ארוים פון גאר־טען אין דער זייט וואו די יודען וואהנען.

ווי די לעזער ווייסען שוין זענען די רוצחים ארעסטירט אין אדעסער אסטראג ביז עס וועט זיין דער משפט.

סדרות.

פון

מ. י. בערדיטשעווסקי.

I

פונ'ם הארצען. ישעיה־ראובן נחמן פייסים בין איך. אדאס וואלט איך אייך געוואלט דערציילען. איך בין עפים אייער א פאני בראצי? א יוד בין איך, ווי אלע יודען. אז איהר ווילט, פארשטעה איך אין אלעם א ביסל; אבער אז דער קאפ איז דערשלאגען. וואס זאגט איהר, וועט זיין א גערעטעניש? איך זאג אייך. מע קאן דאס גארנים וויסען, געהט שוין יא א רעגען, געהט עס דערנאך נים; איז שוין יא א גרויסער יריד, וויל דער פויער זעכציג קאפיקעס א פוד, חאטש געה רעד דיר אויס די קישקעס. אזוי לעבט מען אב די יאהרען, איך בין שוין א קרוב לחמשים, פארוואס איך בין צו אייך געקומען? איהר ווייסט נים, גלאט אזוי. איך האב נאר געוואלט מיט אייך שמועסען און אייך דערציילען. נים דא געדאכט, איז ביי מיר א טאכטער אראפ פונ'ם זין, שוין לאנג, אז סע באשערט איין אומגליק, העלפט נים. מיינט איהר, אז דער רופא ווייסט עפים? איך וויים שוין מעהר פון איהם. לאמיר זיך נים נארען, וואס איז היינטיגע צייטען דער מענש? אז מע לעבט שוין יא, שטראפט גאט. אז מע האלט שוין ביים איבערקערען די קעשעניע, פאלט ארוים דער לעצטער זעכסער און קאטשעט זיך און קאטשעט זיך. צו וואז'שע טויג אלץ? אין די ספרים קאן איך נים לייענען. איהר ווילט וויסען דעם תכלית? אט נעמט א פיש און צעהאקט איהם אויף פיצלעך. איך זאג אייך, סע גארנים...

ווי אזוי סע געקומען מיט מיין טאכטער? גארנים, אז דאס אומגליק איז געשעהן פלוצים. דאכט זיך א געזונט ווייבל. דער מאן איז אפילו א ירא־שמים און איינגעטונקט אין יחוס, אבער א נהרג על פחות משוה פרוטה. וויים איך, מע זאגט, דאס איז איהר געקומען פון א קימפעט, דאס הייסט, דאס קינד האט זיך באלד אבגעטראגען. אז שלמה המלך האט געזאגט: ורחמיו על כל מעשיו. מילא קראנק זיין פארשטעה איך, אבער אזוי זיך מוטשען! מיר ביידע, איך און מיין ווייב האבען שוין נים קיין כחות. ער איז אוועקגעפאהרען און לערנט זיך דערווייל שחיטות. וואז'שע זאלען מיר טון, פארט א טאכטער, א צער בעל־חיים.

וואז'שע וויל איך פון אייך? איין עצה וויל איך אייך פרעגען. פארשטעהט איהר, ביז אין העמד קענען מיר אונז אויך נים אויסטון, סע דא נאך קינדער... מע זאגט, ס'זענען דא הייזער, ווי מע נעמט אזוינע אויף, עפים אין ווינניצע. וויים איך. ס'איז אודאי א וועהטאג. א טייל זאגען, פאהרט מיט איהר קיין אדעס.

איך וויל אייך עפים זאגען. אז דער מענש גיט א טראכט, האט ער נים וואס צו פארליערען. סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט. אז מע זיצט דא אב די יאהרען אין קרענק. וואז'שע איז די פעולה פונ'ם גאנצען? זיך אבגעמוטשעט, נישטא קיין געלד, נישטא קיין נחת פון קינדער און נאך אזוינע עגמת נפש. וואלט איך איהר געווען חתונה געמאכט מיט א פראסטען יוד'ן, -- אויף השגחה זאל מען נים רעדען. אבער כ'זאג אייך, אלע די, וואס זיי זענען גאט און ציצית זענען גוט פאר זיך, פאר איידעמ'ס זאל זיי קיין יוד נים קענען...

II.

עסקים. אז דער גאנצ'ער עסק איז בסך הכל ווערט א דרייערל. וואז'שע איז דאס פאר א מין מענש? ער וויינט אויף מיין קאפ. די קאפאטע האב איך איהם געקוילעט? איך וויל איהם אוועקנעמען די שטוב, יא! פאר וואז'שע וויל ער נים באצאהלען דער פארך? אפילו נים ער איז מיר שולדיג, דער שווער זיינער איז דאס. אבער ער האט דאך געגעבען דעם קוויט. וואז'שע מיינט ער? גלאט נעמען א פען און חתמ'ענען זיך: אני החתום מטה שמעון בערל ברבי ראובן פאסטער־נאק, אבי מיר פארשטופען דאס מויל? וואז'שע טו איך? איך דער־לאנג ביים סודיא. מע פרעגט מיך אויס, מע פרעגט איהם, עפים איין אדוואקאט זיינער, א משוגע'נער יונג, רופט מיך ארוים און וויל אונז אויסגלייכען. טאמער מיינט איהר ווי אזוי? א מפלה אויף זיין פנים! איך זאל דערווייל בעהאלטען דעם קוויט און ער זאל בלייבען זיצען אין מיין שטוב. אז ער וועט זיך אמאל אויסקראצען און וועט האבען פון וואנען וועט ער מיר בעצאהלען...

וואז'שע מיינט איהר איז געווען דער סוף. אז מע האט איהם פארסודיעט און עס איז געקומען צום איבערשרייבען די שטוב, שטעלט זיך ארוים, אז ס'איז גארנים דא קיין קנין אויף דער שטוב. מילא, אז א יוד וויל נים צאהלען און שרייבט אלץ איבער אויפ'ן ווייבס נאמען, איז דאס כדרך הטבע; אבער גזלן איינער, וועמעס שטוב איז דאס? חאטש געה, שריי חי וקים. וואז'שע טו איך? אז סע יא

גישטא קיין קנין, בין איך מיך מישב, דינג א מענשען אויפ'ן טאג און הייב אן ארומצוגראבען זיין פלאין, וואס איז געבען מיין שטוב. אצינד שרייט ער געוואלד. א קצור אהין, אהער, א געפילדער, די גאס איז אויף, מענשען לעגען זיך אריין, מע גהעט צום רב! א ברירה האב איך? אז פרעמדע הענט האבען מיר אויך ניט געהאלפען.

א דא הייבט זיך אן א נייע סדרה. גביות עדות, טענות, איך שריי א פשרה, שרייט ער: ניין, איין אמת'ן דין־תורה! וואו'זשע איז די גדולה אויף דיר? דו מיינסט, איך האב מורא פאר דעם? לאז זיין איין אמת'ער דין תורה. אבער דאס וויל איך: איינלעגען זאל ער! וואו'זשע זאל איך איינלעגען, זאגט ער, די נשמה מיינע? דיין ווייבס פערל זאלסט דו איינלעגען. אויסגעשאסען א געלעכטער. א פייג וועל איך דיר געבען! איך וויל איהם פאטשען. דער רב איז מעשאיעט, די רבצין שפרינגט אריין דערשראקען: וואס איז געשעהן? גארניט איז געשעהן, א הונט איז ער, איך וויל איהם ווייזען, ווי אזוי איך קאן מיך נוקם זיין.

מיין רב איז מיר א תמ'עוואטער יוד און זאגט: טשעפעט זיך אב פון מיר און גהעט צו בוררים. מיט מיין בורר בין איך קלאמפערשט א קנעפל. ער קומט צו מיר, אז ער גהעט פונ'ם דאוונען, רעדען, דערווייל לייהט ער זיך ביי מיר א פינפערל און דערנאך אקערבל. זיינער איז א שובעניק און א ממזר פון א יונג. שוין צוויי וואכען, אז ער דרעהט און דרעהט. איך בין צעקאווע, ווי אזוי איך וועל אבשניידען ביים פסק. מאטל יחיאלס איז דער שליש. מיינט איהר, אז סע ניצט מיר עפים? אז בסך הכל איז דער גאנצער עסק ניט ווערט א דרייערל.

די שליסלען.

(א תשעה־באב־לעגענדע.)

מיך חלומ'ט א חלום, איין אלטער,
מיר ווערד אזוי באנג, אזוי שווער;
איך הער ווי מיט שליסלען א קלינגען,
איך זעה ווי פון פלאמען א מעער.

דער טאג איז גאר פינסטער און טרויריג,
דער טאג איז געהילט ווי אין שלאף;
עס קרעכצען אים הימעל די ראבען —
דאס איז ער, דער נייַנטער אין אב.

עס ברענען די וועגט פון בית-מקדש,
עס פאלט שוין א וואנט נאך א וואנט;
עס שטעהען די פרחי כהונה
און האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זענען אומשולדיגע קינדער,
געהילט און דעם ווייסען געוואנט;
עס פרעסען די פלאמען אלם ווייטער—
זיי האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זענען די שליסלען פון היכל,
די שליסלען פון ארון דערצו;
— „אוי הימעל דא זענען די שליסלען
און נעם זיי, אוי הימעל, שוין דו!"

און פלוצלינג בעוויזט זיך פון הימעל
א לאנגע, א ליכטיגע האנט,
און נעמט פון די קינדער די שליסלען
און ווערד באלד פארשוואונדען אים בראנט.

מיך חלומט דער חלום, דער אלטער,
מיר ווערד אזוי שווער, אזוי באנג —
וואו זענען, אוי הימעל די שליסלען,
ווי לאנג נאך, אוי הימעל, ווי לאנג?

עס וויינען אומשולדיגע קינדער:
אוי, גיב שוין די שליסלען צוריק —
וועט קיינמאל דען זיך נישט אומקעהרען
דאס אלטע, דאס פריהריגע גליק?

ד. פרישמאן.

אלטנײלאנד.

(פארטזעצונג.)

סע פארשטעהט זיך שוין פון זיך, אז אין אלטנײלאנד זענען אויך איינגעריכטעט די טעלעפאן־צייטונגען. דאס הייסט אזוינע צייטונגען, וואס דרוקען זיך ניט אויף פאפיער, נאר פארלעזען זיך אין א טעלעפאן־אפאראט און דער לעזער דארף נאר צולעגען צום אויער א ריירל פונ'ם טעלעפאן, הערט ער שוין אלע נייעסען, הן פון פאליטיק, הן פון בערזען־ידיעות והן פון ליטעראטור און קונסט. אפילו די מודעות פון סוחרים ווערען דארט פארלעזען און ס'איז זעלבסט פארשטענדליך, אז פאר אזוינע מודעות צאהלען די סוחרים פיעל טייערער, ווייל די הערער פון דער צייטונג מוזען דאך הערען די מודעות, וועלכע ווערען פארלעזען צווישען אנדערע נייעסען.

אויף דעם אופן מאכט דיזע צייטונג גלענצענדע געשעפטען, און איז מסתמא אויך איין ארטעלנע, פון אלע אבאנענטען אויף די טעלעפאן־ריהרען.

די טעלעפאן־צייטונגען מוזען אבער דאך האבען זייערע בעזונדערע טעלעפאן־דראהט־ליניען איבער'ן שטאדט. אין אלטנײלאנד אבער גהען אלע דראהטען פון טעלעפאן, טעלעגראף און עלעקטרישעסטווע אונטער דער ערד. די אינזשינירען וואס האבען געבויעט די שטעדט האבען דאס פריהער אין זינען געהאט און צוגעגרייט אונטער דער ערד א גאנצע סיסטעמע פון ריהרען, דורך וועלכע מען זאל דורכפיהרען אלערליי דראהטען, כדי מע זאל ניט נייטיג האבען יעדעס מאל אויפברעכען די בריקען פון די גאסען. הייגט אז די טעלעפאן־צייטונג מוז אנקומען צו דער שטאדט, מען זאל איהר לאזען לעגען איהרע דראהטען, בעצאהלט זי טאקי דער שטאדט א שענעם נאלאג, וועלכער גהעט אויף כלל־זאכען.

XXI.

סע איז ענדליך געבליבען מע זאל גהען אין דער אפער ווי מע גיט היינט די שפיעל: „שבתי־צבי".

די געסט זענען מסופק צי מע וועט נאך האבען בילעטען. נאר דוד בערוהיגט זיי, אז ער האט א שטענדיגע לאזשע, ווייל אויך דאס טעאטער איז אין אלטנײלאנד ארטעלנע.

אין טעאטער פאהרענדיג, טרעט די קאמפאניע אב אין א גרויס ווארענהויז, כדי צו קויפען פאר די געסט ווייסע האנטשוהען, ווי די

מאדע פאדערט. דערביי פארוויקעלט זיך א לאנגער שמועס וועגען דעם גרויסהאנדעל בכלל און דוד ערקלערט, אז אין אלטניילאנד האט מען פונ'ם אנהויב אן ניט צוגעלאזען די ענטוויקלונג פון קליין־האנדעל. מע האט ח"ו קיינעם ניט געשטערט, נאר מע האט פון לכתחלה אן באלד געגרינדעט די גרויסע וואַרען־הייזער, וועלכע קויפען אב ביי די פאבריקאנטען זייערע סחורות אינ'ם גרעסטען מאסשטאב און פארשיקען זיי אפילו אין די ווייטסטע שטעדטלעך דורך זייערע וואיאזשארען און אגענטען; דער קליינער עולם האט דעריבער באלד איינגעזעהן, אז פארפיהרען א קליין געשעפטל האט ניט קיין שום רעזאן, אז וואוהין דער קליינער סוחר וועט קומען, טרעפט ער שוין פריהער א פרייזקוראנט פון א גרויסען וואַרען־הויז מיט מוסטערען, אזוי אז די פרייזען זענען שוין גענוג ביליג אוועקגעשטעלט און איהם בלייבט ניט וואס צו טון. דערפאר האט זיך קיינער גאר פון אנהויב אן ניט גענומען צו דעם קליין־האנדעל און מיר האבען פארהיט, אז מיר זאלען אין אלטניילאנד אויך ניט ווערען קיין קרעמער־פאלק, ווי מיר זענען געוועזען אין גלות.

דוד פרעגט די פערקייפערין: וואס קאסט די 2 פאר האנטשוהען? זעכס שקל, ענטפערט זי און דוד גיט א גאלדענע מטבע, פון וועלכע ער בעקומט רעשט עטליכע זילבערנע.

וואס איז עס פאר געלט? פרעגט קינגסקארט.

דער יודישער שקל, ענטפערט ער איהם. אזוי פיעל ווי א פראנק. מיר האבען אונזערע אלטע מטבעות איינגעפיהרט.

איהר האט אלזא דאס געלט ניט אבגעשאפט זאגט קינגסקארט מיט א שטעכווערטעל, סע וואלט טאקי פון אייך געווען א חדוש.

דוד אבער איז שוין געוואהנט געווארען מיט קינגסקארטס אויסדרוקען און האט זיך ניט בעליידיגט, נאר מיט דעם זעלבען טאן געענטפערט: ניין, הער קינגסקארט, פונ'ם געלד האבען מיר אונז ניט געקאנט אבשיידען, ערשטענס ווייל מיר זענען רוח'יש גייציגע יודען און צווייטענס ווייל דאס געלד איז ווירקליך א טייערע זאך. סע זאל ניט זיין וואלט מען עס געמוזט אויסטראכטען.

יונגערמאן, איהר רעדט פון מיין נשמה ארויס, ענטפערט קינגסקארט ענטציקט, דאס האב איך תמיד געזאגט: דאס געלד איז א גוטע און א שענע זאך, נאר די מענשען האבען עס פארדארבען!

XXII.

אין טעאטער זענען זיי געקומען שוין אין מיטען. פרידריך האט דארט דערזעהן בעקאנטע פנים'ער — דאס איז געווען די אלטע וויענער קאמפאניע: די לאשנערס, שיפמאן און זיין אמאליגע געליבטע ערנעסטינע לעפלער, היינט פרוי וויינבערגער און איהר טאכטער. ערנעסטינע איז אין דער צייט געווארען א גראנד־דאמע מיט אלע פישטשעווקעס און פרידריך האט געמוזט זיך נאר וואונדערען, וועמען האט ער דא אזוי ליב געהאט, אז'ש צוליב איהר זיך אבצוזאגען פונ'ם לעבען. ובפרט אז ער האט זי פארגלייכט מיט דער ווירקליך ליבענסווירדיגער מרים, דוד ליטוואקס שוועסטער.

דער מחבר וויל אין די אסימילאנטען זיך אין גאנצען נוקם זיין און ער דערציילט אונז, אז ערנעסטינען געהט די צייט זעהר ניט אמבעסטען און זי מוז צייטענווייז זיך בענוצען מיט שיפמאנ'ס שטיצע. אפשר וויל דער מחבר אונז דערמיט זאגען, אז יודישע עשירות אין גלות האט ניט קיין חזוק און דער געכטיגער „מיטשעף דער פירמא" קאן מארגען זיין א פשוט'ער קבצן.

דוד ליטוואק בעמערקט דערביי, אז די לאשנער'ס און זייער גלייכען, וועלכע האבען פריהער געשפעטט פונ'ם ציוניזם, קומען היינט אהער קיין פאלעסטינא זעהר גערן, ווייל זיי געפינען דא אלע בעקוועמליכקייטען ווי אין די גרויסע אייראפייאישע שטעדט, נאר די נייע געזעלשאפט קוקט אויף זיי מיט פאראכטען, אזוי ווי זיי זענען עס ווערט. די מיטגלידער פון דער נייער געזעלשאפט ווערען ניט בטל פאר גבירים; זיי געבען אב כבוד נאר טיכטיגע מענשען, דארום האט א מין לאשנער דא קיין ווערט ניט. געוויס איז ער פריי צו לעבען ווי ער וויל, נאר די געזעלשאפט קוקט אויף איהם ווי אויף א פרעמדען.

(פארטזעצונג קומט). משה קליינמאן.

די וועלט־געשיכטע

בעארבייטעט און צוזאמענגעשטעלט נאך די נייעסטע קוועלען פון די עלטסטע צייטען ביז אויף די געגענווארט פון יעקב דינעזאהן ערשטער באנד. ש. ראזענפעלד, י. ראזענבערג און קאמינעצקי 2־טער באנד. פון ש. 3־טער און 4־טער באנד. פערלאג „אחיאסף" ווארשא.

מיך האט א יוד ערשט ניט לאנג געפרעגט בזה הלשון: פאר וואס איז נאר דא א וועלט־געשיכטע ביז אויף דער געגענווארט? פאר וואס איז אויך ניט דא א וועלט־געשיכטע פון דער געגענווארט אן ביז אויף דעם היינטיגען טאג? — דער יוד האט זיך פארגעשטעלט די וועלט־געשיכטע ווי עפים א מין קאדעקס, א סוואר זאקאנאוו, וואס ווערד ארויסגעגעבען אלע פאר יאהר פון דער קייזערליכער קאנצעלאריע. ער איז איין אבאנענט פון זשארגאן־בלעטער; צום „יוד" ע"ה האט ער פאר 1 רובל באקומען די וועלט־געשיכטע אין 4 טייל, וועלכע איז געענדיגט מיט חורבן הבית; דאס האט ביי איהם געהייסען די געגענווארט. ער האט זיך שטארק פארחדוש'ט, אז איך האב איהם ערקלערט, אז געגענווארט הייסט טאקי די היינטיגע צייט, נאר זיין געשיכטע איז נאך ניט געענדיגט א. ז. וו. — מיינט ניט, אז דער יוד איז א טפש. ער האט אמאל ריכטיג פארשטאנען א בלאט גמרא. יעצט פארשטעהט ער גאנץ פיין דאס האלב־געשעפטווער שמועסט הלכות וועקסעל און פראטעסט־זאכען. ער האט ליב צו לייענען, האט זיך געפרובט לעזען העברייאיש, פארשטעהט ער ניט, לייענט ער זשארגאן, נאר ניט אלעס איז ער זוכה צו פארשטעהן. און ניט ער אליין, איך האב מיך אינטערעסירט און אויסגעפרעגט פיעל פון מיינע בעקאנטע, ביז איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז זיי פארשטעהען זעהר שוואך, וואס זיי לעזען. א סך הערען טאקי דעריבער אויף צו לעזען. מען אבאנירט א קווארטעל צייטונג און — באסטא. ווער וויל עס ארויסווארפען געלד אומזוסט. אונזערע מחברים קלאגען זיך, אז עס איז דא וועניג לעזער. אפשר זענען יודען גאר נישט קיין פאלק. איך מיין, מיר וואלטען געהאט מעהר לעזער, לפי ערך, ווי יעדעס אייראפייאישע פאלק, ווען מיר וואלטען געגעבען דעם פאלק פאר זיין רובל א פארשטענדליכען לעזע־מאטעריאל. מיר בעמיהען אונז צו געבען אונזערע צייטונגען איין אייראפייאישען

אינהאלט אונ איין איירָאפּייאישע פאָרם. מיר האבען אבער א גאנץ אנדערען לעזער. ביי איין אנדער פאלק לערנט כמעט יעדער א פּאר יאהר אין א שקאָלע ביי א געבּילדעטען לעהרער; ער איז פארגעברייט צו פארשטעהן זיינע שריפטשטעלער. אונזער לעזער אבער איז אין גאנצען איין אינו יודע; מיר מוזען איהם אלעס, פון א׳ ביז ת׳, ערשט געבען.

פאר וועמען איז געשריבען די וועלט־געשיכטע פון אונזערע 5 מחברים? געוויס פאר יודען, וואס קאָנען קיין איירָאפּייאישע שפּראכע אונ אויך קיין העברייאיש ניט; פאר סוחרים, פּריקאשטשיקעס, בעלי־מלאכה, פאר זייערע ווייבער אונ דערוואכסענע קינדער. זיי קאָנען קיין דייטש געוויס ניט. וואס טון אבער אונזערע מחברים? זיי בענוצען לויטער פרעמדע, אויסלענדישע אונ דייטשע ווערטער אונ פארטייטשען זיי ניט. איך וויל דא עטליכע פון יענע ווערטער ברענגען, למשל: באלאנס, קאטאסטראפע, פּרינציפּ, אבסאלוט, קאָנזאָנאנטען, טראגיש, פּעריאדע, טראָן, אינדוסטריע, לעגענדע, סיסטעם, מינעראל, אינסטינקט, ציוויל, פּאקט, דאקומענט, מאנומענט, נאמאדע, פּיראמידע. חוץ די דאָזיגע, שרייבען זיי אויך דייטשע ווערטער, למשל: גיפּפעל, מאסשטאב, פערקעהר, דאס רייך, בעגעבענהייט, גלייכגעוויכט, קאמפּף, פארשלאג, ערהאלטען, טאפּפער, אבהענגיג, אירדען, פערוואנדשאפט, הירט, האפען, פעלדהערר, אנלייטונג, אויפריכטיג, אבגאבען, געגענזייטיג, אורטייל אונ נאך פיעל אנדערע אזעלכע ווערטער. אז מען בענוצט אזוי פיעל פרעמדע ווערטער, ווערד דאס גאנצע שטיק, ניט ווילענדיג א פרעמדעס, אומנאטירליכעס. עס פיהלט זיך, אז דער שרייבער געהט עפּיס ניט אויף די אייגענע פיס, אונ דער לעזער היפּעט ארום אויף שטאלצען, ער טאנצט אויף אייז.— אפילו דאס פּראסט יודיש איז אויך משונה געוואָרען. איך וויל געבען דאפון עטליכע ביישפּילע: ה׳ דינעזאהן בענוצט הערשונג אנשטאט הערשאפט, פּרישזירער אנשטאט פּריזער, לויט נאך אנשטאט נאך אדער לויט, טוידט־אורטהייל אנשטאט פּסק׳ענען דעם טויט, אבדעכער אנשטאט דעכער, אין אלע טיילען ערד אנשטאט פון דער ערד, האַרר אנשטאט הער, שטאמען אנשטאט שבטים, נויטען אנשטאט נייטיגען, די אל אייגציגע הערשאפט אנשטאט די הערשאפט פון איינעם. צו דעם קומט נאך צו א ווילדע ארטאגראפיע, למשל: עהדער, אייבען, הייכע, בריינגען, אנגעהייבען. א חוץ דעם געפינען מיר ביי איהם דאס פאלשע בענוצען פון ארטיקעל: די טייל, דאס גלויבען, די וועג וכו׳. אויך געפינען מיר ווערטער אונ פראזען אהן א זין, למשל: בעל־עולה, שטייען אונטער שוץ פון געזעץ אונ אייגענער מענשענרעכטע. ווי ווייט אונזערע מחברים האבען פארגעסען פאר וועמען זיי שרייבען קאן מען זעהן, אז זיי בענוצען גאר ניט אונזער מאס; עס ווערד געמאסטען כסדר ווי אין פּאריז אויף מעטער אונ קילאמעטער, אונ איך קאן שווערען, אז 90 פּראָצענט פון די לעזער הערען דאס ערשטע מאל פון אזוינע שמות הקדושים.. על כל פּנים איז דאך געקומען דעם בידנע יוד מען זאל איהם ערקלערען ווי גרויס איז א מעטער אויף אונזערע איילען אדער ארשין אונ א קילאמעטער אויף אונזערע וויארסטען, אונ די רעשט ברעך דיר דעם קאָפּ.

די הויפּטזאך איז אבער, נאטירליך, דער גוף הספר. גענוי צו קריטיקירען אזא בוך, ווי דאס דאָזיגע, ברויך מען שרייבען א בוך; עס זאל זיין ניט קלענער פון דער וועלט־געשיכטע אליין. איך וועל דעריבער מיך מוזען בעגנוגען גאר מיט איינינע ביישפּילע. דערפון וועט דער לעזער זיך משער זיין, ווי ער קאן זיך פארלאזען אויף א וועלט־געשיכטע, וואס מען ברויך דערפון עפּיס לערנען.

עס איז אנגענומען אויף דער גאנצער וועלט, אז געשיכטע ווערד געלערנט נאך געאגראפיע. פריהער מוז מען וויסען ווי א לאנד זעהט אויס, וואו עס ליגט, מיט וועמען עס גרענעצט, דענסטמאל פארשטעהט מען רעכט, וואס אין דעם לאנד איז געשעהן. דעריבער איז א מנהג, אפילו אין שולען ווי מען לערנט אלעס כסדר, אונ די תלמידים קענען שוין געאגראפיע, גיט מען די קארטען צו יעדעם לאנד, וואס מען געהט עס בעשרייבען. אונזערע מחברים געבען ניט קיין קארטען, ניט קיין בילדער פון נייטיגע זאכען, וואס מען ברויך זיי אנקוקען מיט דעם אויג. אהן א קארטע איז זעהר שווער צו בעשרייבען א לאנד. חוץ דעם מאכען די מחברים טעותים אונ עס איז א סברא, אז זיי האבען אפט די זאך ניט ריכטיג פארשטאנען. אט בעשרייבט דער איבערזעצער פונ׳ם ערשטען טייל פאָרדער־אינדיע; קומט ביי איהם אויס, אז די בערג הימאלאיא ליגען אויף נארד־וועסט (צפונית מערבית) פון אינדיע, אונ באמת ליגען זיי גאר נארד (צפון). דער טייך אינדוס, פליסט ביי איהם אין מזרח־זייט אונ ער פליסט דוקא אויף מערב־זייט. ווייטער זאגט ער, אז דער טייך גאנגע (גאנגעס מיינט ער) פליסט צו מערב זייט, אונ פונקט אויף להכעיס פליסט ער אויף מזרח. — ביי דער בעשרייבונג פון מצרים דערציילט ער, אז אין דער געגענד פון דעלטא צעטיילט זיך דער נילוס אין דריי בעזונדערע טייכען; ער רופט זיי אלע דריי ביי די נעמען אונ רעדט פון זייער לאגע. ער איז איבערהויפּט א מאריך, ער שפּארט ניט קיין ווארט, מצרים פארנעמט ביי איהם 60 זייטען. נאר אין א שול־בוך, וואו מצרים פארנעמט 3—4 זייטען, צעטיילט זיך דער נילוס אין 7 טייכען, עס קומט נאך צו דער באלביניטישער, דער פאטמעטישער, דער מעדעזיישער ארעם פונ׳ם נילוס.

דער 2־טער טייל הייבט זיך אן מיט א בעשרייבונג פון ארץ־ישראל. אונ עס איז זעהר וויכטיג פאר יעדען יוד, וואס קוקט אמאל אריין אין א חומש, צו האבען א בעגריף, ווי דארט ליגט עפּיס, בפרט היינט וואס פון ארץ ישראל ווערד אזוי פיעל גערעדט אונ געשריבען. קיין קארטעל איז ניט צוגעגעבען, אונ די בעשרייבונג איז אזוי טונקעל, אז אפילו א מלאך וואלט דערפון ניט קלוג געוואָרען. מיט איין קלאפּ בעשרייבען די מחברים אלע לענדער צווישען ים התיכון אונ דעם פּרת אונ אויף ארץ ישראל קומט אויס 2 שורות. דערפאר האט אבער אינדיע זוכה געוועזען נאך אמאל דערמאנט צו ווערען פון מחבר ש. אויך ער גיט זיך ניט קיין מיה, די לאגע צו דערקלערען, אז דער לעזער זאל פארשטעהן. ער שרייבט: „אינדיע איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים צו ביידע זייטען פון בענגאלישען ים: איז פאָרדער־אינדיע צו צפון זייט, אונ הינטער־אינדיע צו דרום זייט". נאטירליך האט ער דא א טעות. כדי איהר זאלט מיך פארשטעהן, מוז איך ערקלערען, אז אויף דרום זייט גרענעצט זיך אזיע מיט דעם ים, דארט שטארען נאך ארויס פון אזיע 2 גרויסע שטיקער לאנד, ווי 2 הענט, ווי 2 גרויסע שפּיצען פון א בארד. צווישען די ביידע שטיקער

לאנד קריכט אריין דער ים. אז דו שטעהסט אין אזיע מיט דעם פנים צום ים, דאס הייסט מיט דעם פנים צו דרום, וועסט דו האבען רעכטס מערב זייט, לינקס מזרח. אלזא דאס שטיק לאנד, וואס שטארט אריין אין ים אויף מזרח זייט הייסט הינטער־אינדיע, דאס שטיק. וואס רוקט זיך אריין אין ים אויף מערב זייט הייסט פארדער־אינדיע. דער ים ליגט צווישען די צוויי שטיקער לאנד; פארדער־אינדיע אויף מערב זייט און הינטער־אינדיע אויף מזרח זייט פון דעם ים. איצט קענט איהר פארשטעהן דעם טעות פון הער ש. איהר זעהט אז דא קאן קיין רעדע גאר ניט זיין פון א צפון מיט א דרום זייט, נאר פון א מזרח מיט א מערב.

(ענדע קומט).

ה. קירשענבוים.

א בריף אין רעדאקציע.

באזעל, אם 18־טען יולי 1903.

זעהר געעהרטע רעדאקציע!

מיר בעטען אייך פאלגענדעס אין אייער געשעצטען בלאט אבצודרוקען: די באזעלער ציוניסטען האבען געגרינדעט א „קווארטיר־ און עמפפאנג־קאמיטע". אלע יענע דעלעגירטע און געסט, וועלכע וועלען קומען צום 6־טען ציוניסטען־קאנגרעס קיין באזעל, קענען זיך ווענדען צו אונז און מיר וועלען אלעס מעגליכע טון, אלע בקשות פינקטליך צו ערלעדיגען; נאר בעטען מיר אונז דייטליך צו שרייבען: ווען און אויף וויפיעל צייט יעדער וויל קומען, צי זוכט ער א האטעל־צימער, צי א פריוואט־וואהנונג? איינצעלנע פערשוינען אדער 2—3 אין איין צימער? א. ז. וו. מיר בעטען ניט צו פארגעסען. אז די צייט פון איצטיגען קאנגרעס איז די „האך־סעזאן", ווען זעהר פיעל פרעמדע האלטען זיך אויף אין באזעל, אזוי אז עס איז נייטיג באלד די קווארטירען צו בעשטעלען.

אכטונגספאל

פרעזידענט פון „קווארטיר־ און עמפפאנג־קאמיטע"

יוליוס מאיר.

אדרעסע פאר בריף:

Julius Meyer, Leimenstr. 22, Basel (Schweiz).

אדרעסע פאר טעלעגראמען:

Basel Congresbureau Empfang.

אלערליי.

— אין חודש נאוועמבער וועט אין פעטערבורג זיין איין אינטערנאציאנעלע (דאס הייסט פון אלע פעלקער, נישט נאר פון רוסלאנד אליין) אויסשטעלונג, פאר שענע קונסט. די אויסשטעלונג וועט האבען דריי אבטיילונגען: פאר רוסלאנד, פאר אויסלאנד און פאר די מארגענלענדער.

— א בעוואוסטער רעסטאראן אין פעטערסבורג בייט איבער פון קומענדיגען הערבסט די דינער־שאפט אויף נעגערס.

מיליאנערישע קינדער. א ניו־יארקער צייטונג ברענגט א רשימה פון מיליאנערישע קינדער אין אמעריקא און פון די ירושות, וואס זיי וועלען נאך הונדערט און צוואנציג יאהר בעקומען: מארגערעט קארנעגי 5 יאהר אלט, האט צו ווייהנאכטען (ראזשדעסטווא) באקומען א מתנה פון איהר פאטער א הויז, וואס קאסט 5 מיליאנען דאלאר, דזשאן ניקאלאס בראון 2 יאהר אלט איז דער רייכסטער צוקינפטיגער מיליאנער אין אמעריקא. איזאבעלא ראקפעלער, 6 חדשים אלט, וועט ירשנען אסך מיליאנען. וויליאם הענרי וואנדערבילט איז דער הויפט־יורש פון דאס וואנדערבילטשע פארמעגען, וואס בעשטעהט פון 200,000,000 רובל. וויליאם קלארק, וועלכער איז נאר איין חודש אלט, האט בעקומען פון זיין זיידען אלס א מתנה 2,000,000 רובל. פלארא פאן אואיטני, 6 יאהר אלט, וועט א מאסע מיליאנען ירשנען פון איהר פאטער און נאך א גרעסערע סומע פון איהר מוטער א געבוירענע וואנדערבילט. דאס יעהריגע מיידעל מאקאי עריוארטעט א ירושה פון 400,000,000 רובל.

יודישע פראוויִנצוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— אין ניכען וועט דאס רוסישע מיניסטעריום פאר פאלקס־בילדונג אונטער־האנדלען די פראגע אויב מען זאל פרויען צו נעמען אין די פארשיעדענע אוניווערזיטעטען, וואס געפינען זיך אין רוסלאנד.

— די פרוי פון דעם קאנטרא־אדמיראל נעראָרד האט בעקומען איין ערלויבניש ארויסצוגעבען אין פעטערסבורג אטאגעס־בלאט מיט דעם נאמען „פעטערב. קוריער" און די אלמנה פון דעם פולקאווניק ראמאנאווסקי האט בעקומען איין ערלויבניש ארויסצוגעבען אין מאסקווא א טעגליכע צייטונג מיט דעם נאמען „סקארבני וויעסטניק".

II. יודישע נייעס.

— איינינע פארשטעהער פון דער ווילנער יודישער געמיינדע ווי ה' גען, ד"ר שאבאד און ה' נאלדבערג האבען געגרינדעט א יודישען פעראיין מיט דעם נאמען „בארעמהערציגע שוועסטערן", וועלכע האט דעם צוועק אויפציפאסען אויף די קראנקע אין די יודישע שפיטאלען אין ווילנא.

— דאס יודישע פריילין פעליציע מענדעלזאהן אויס ווארשא, וועלכע איז אלס דאקטאר אנגעשטעלט אין קאירא ביין קהעדיוו פון עגיפטען, האט בעקומען פון סולטאן איין ארדען פאר איהרע טובות, און וואהלטאטען וואס זי האט געטאן.

— אין ביאליסטאק לעבט א יודישע פרוי הענע שער, וועלכע איז שוין אלט 113 יאהר. זי איז נאך ביין גאנצען שכל, הערט און זעהט נאך גוט און וואשט אליין איהרע וועש. פאר צוויי יאהרען זענען איהר ארויסגעפאלען איהרע לעצטע צוויי צייהן.

— פרוי אדעלהייד ראטהשילד, די טאכטער פון דער פערשטארבענעם באראן ווילי ראטהשילד אויס פראנקפורט, וועלכע איז פארהייראט אין פאריז, האט געשאנקען א האלבע מיליאן מארק אויפצובויען א שפיטאל פאר לונגענקראנקע אין אדעלסהיים (דייטשלאנד).

— די יודישע פרוי באראנין כהן־אפענהיים האט געשאנקען 100,000 מארק פאר דעם טיער־שוץ־פעראיין אין בערלין (חברה צער בעלי חיים).

— פרוי מ. ראטשקאווסקא, וועלכע האט אין ווארשא האנדעלס־קורסען פאר פרויען, האט זיך געווענדט מיט א בקשה צום פינאנץ מיניסטער מען זאל איהר ערלויבען צו עפענען אין ווארשא א האנדעלס שולע פאר מיידלעך פון 7 קלאססען.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.

פערלאג „פאלקסבילדונג".

Herausgeber Verlag Volksbildung, Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau, Druck v, S, L Deutscher Podgorze b.Krakau

אויף דעם זאמעל-בוך „הילף“

וואס די גאנצע הכנסה געהט פאר די פאראונגליקטע יודען אין קישינוב.

(פרייז 1 רובל מיט פארטא)

אדעסע: ד. גורביטש, י. פיינער. — **אומאן:** ש. גרובמאן. — **אזע-ראני** ג. וויינשטיין. -- **אלעקסאנדראווסק:** Общество пособія бѣднымъ евреямъ ремесленникамъ. — **באלשאיא-זנאמענקא:** י' באלקא. י'. — **ביעלאיא-צערקאוו:** מ. טשודנאווסקי. — **בענדערי:** ז. טאלפין. — **גארנאסטייפאל:** ב. הייכמאן. — **דובאסארי:** י. פאך. — **דיסנא:** ב. זאק. — **וואלמאר:** ח. ליבמאן. — **וואסילקאוו:** ש. גרינבערג. — **ווארשא:** ר. לעווינסאן. — **ווערחניעדניעפראווסק:** ג. גארבער. — **זאלאטאנאשא:** ס. ל. מנושקין (3 עקז.). — **זשעלודאק:** פ. פאווטאווניק. — **טוריסק:** ב' מאספאנע. — **טשארני-אסטראוו:** ל. ב. אשכנזי (2 עקז.) — **ליפאוואיא-דאלינא:** ב. מיכלאווסקי. — **מאריופאל:** י. ס. סעגאן. — **מירגאראד:** ח. א. ליקארענקא. -- **נאווראסיסק:** ג. עלינד. — **ניזשניא-סיראגאזי:** א ליבענסאן -- **סאפאצקין:** י. פ״ — **סלאוואטא:** י. פ. קרישטאל (3 עקז') — **סקוליאני:** ה. ה. פיינמאן. — **פאגרעבישצע:** א. ג. אראטאוו-סקי. — **פעטראוווסקי זאוואד:** י. ל. וויחנער, י. י. טארלינסקי, נ. פרידמאן. — **קונין:** שפרינצע גרינבערג. — **קישינוב:** ח. ש. אגינסקי יהלום, לעווינ-סאן, א פעלדעסמאן. — **קראסנאיא קאמיאנקא:** פ. וואלפסאן — ס״ה: 42 עקז.

נדבות

פאר דעם נאציאנאל-פאנד דורך די אדמיניסטראציאן יודישע פאלקסצייטונג אין קראקוי.

דובאסארי: ש. ליווישין $1,61^1/_2$ ר'; ג. ל. ראקאב 92 ק'; א. רויזניק 83 ק'; א קלעפער $80^1/_2$ ק'; ה. ראקאב 74; א אווערבוך 64 ק'; ר. חייצוק 56 ק'; ש. שטיינבארג 52 ק'; י. טאבאטשניק 60 ק'; מ. א. וויטקאווסקי 45 ק'; י. בראדסקי, נ. ליווישין, פאחים — יערער צו 40 ק'; מ. קאלמאנאוויטש $39^1/_2$ ק'; מ. נייטערמאן 25 ק'; י. קלעפער 24 ק'; י. גאלפירין, פ. לעמבריצקי, א. קאיזאהן — צו 20 ק'; פ. בולוער, א. שטערמאן — צו 19 ק'; א. גאלאנטער 16 ק'; ז ישפה, מ. גאליר — צו 12 ק'; מ. סאסלוק, א. הורוויץ, ש באקמאן — צו 10 ק'; נ. שימאוויטש 5 ק'; א. שיינדארג 2 ק'; ס״ה 11,42 ר.

„אגאטאל“-גורסקי, ווארשא. לעשנא № 4
דאס בעסטע מיטעל צום רייניגען די צאהנער,
פערהיטעט זיי פון פוילען אונ ווייטאג אין בלעכענע שעכטיל צום פרייז
20 קאפ' אונ 30 קאפ'. פ-רדערן איבעראל. (125)

דאמפ-דרוקעריי עט ליטאגראפיע
פון ש. בעלכאטאווסקי אין פיעטרעקוב

איינגעארדענט לויט די נייעסטע סיסטעמע, מיט די שענסטע מאדערנע שריפט אונ פערצירונגען, נעמט אן צו דרוקען **אלערליי ביכער: יודיש, רוסיש פויליש, דייטש** א. ז. וו. אויף די לייכטסטע בעדינגונגען. אויך פערשידענע עטיקעטען, פרייז-קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך, אויך אלערליי אנדערע סארטען דרוק אונד **ליטאגראפישע זאכען.**

50 11 אלעס ווערט פינקטליך אונ שנעל בעזארגט. (212)

Въ Типо-литографію Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.

פערלאג „פאלקסבילדונג“.

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

א.

1) **די יודישע קאלאניאל-באנק** פון דר. ח. ד. הורוויץ;
2) **דער נאציאנאל-פאנד** פון ר. א. ברוידעס.

פרייז 3 קאפ. מיט פארטא 5 ק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ.

ציוניסטישע אגודות בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія“, Варшава. — Verlag „Tuschijah“, Warschau.

פון דער אדמיניסטראציאן

אין ביעלאיא-צערקאוו (קיעווער גוב.)
נעמט אויף אבאנענטען אויף
די „יודישע פאלקס-צייטונג“, „עולם קטן“ אונ דעם זאמעל-בוך „הילף“
בוכהענדלער ה' י. ה. הערצבערג.

לא תחסר בהתנ״ך הזה.

גדל התנ״ך כגדל המודעה הזאת.

הראיתם
את התנ״ך הנפלא
המכונה
טאשען-תנ״ך
הוצאת מ. שולץ?

ההדפסה היפה, הכריכה המהודרה, הפורמט הנפלא והמחיר המצער עושים את התנ״ך הנפלא הזה לספר הכרחי ושוה לכל נפש.

על התערוכה של מלאכת-מחשבת (קונסטאויסשטעללונג) בפילדלפיה זכתה ההוצאה הזאת לפרס היותר גדול.

מחירו: מכורך בד יפה 75 ק', מכורך יפה עם גאלדשניט 1.25 ר', מכורך עור מהודר 1.75 ר', פאר' 15 ק', בנ״נ 25 ק'.

כמו כן נמצא להמכבר
—— התנ״ך מעדאליאן ——
במחיר רובל אחד לשולחים כסף מראש או בנ״נ בעד 1.17 רובל.
המכירה נמסרה רק להוצאת „תושיה“ בורשה:

כל נקודה ונגינה

הוצאת „תושיה“.

ספרי למוד

מאת **י. גרזובסקי**, מורה בבתי הספר העברים **בארץ ישראל.**

ראשית למודי שפת עבר.

מתודה, בנקוד ובלי נקוד, עם תרגום המלים ברוסית ואשכנזית (באותיות עבריות). ועם תרגילים רבים להתחנך בדבור העברי.

הספר נועד **לילדים היודעים אך לקרוא ולכתוב.** המחבר שם לב לתת לפני התלמידים הרבים מאמרים וספורים ושיחות אך מחייהם, מהחיים הקרובים אל לבם ואל רוחם, הסובבים אותם יום יום בבית, בביה״ס ובחוץ. בכל יכלתו השתדל להרגילם ע״י המאמרים הקצרים והספורים אל הדבור, נתן להם היכולת לדבר ולספר את אשר הם יודעים. מבלי להעמיס על מוח הילד את כללי הדקדוק השונים **להלכה**, נתן לפניו תרגילים רבים להסכין אל החוקים, מבלי אשר ידע כי חוקים הם, ולהתחנך בהם אך ע״י ההרגל והנסיון. גם באו בהספר הזה **ספורים קלים שונים לילדים.** באופן אשר המורה הנבון ימצא לו תמיד ענין לענות בו ושאל את התלמיד בעברית שאלות שונות, מאותו ענין שהוא קורא, והתלמיד יענה לו ג״כ בעברית, לפעמים בעזרת המורה. בעבור התלמיד על כל הספר ירכש לו **כאלף מלים היותר נצרכות ודרושות** תדירות ורגילות בדבור ובשיחות.

מחיר הספר 50 ק', מכ' בניר 60 ק', בבד 65 ק', פארטא 8 ק'.

בית ספר עברי.

חלק ראשון, ספר למוד למתחילים, ערוך ביחוד לתכלית הרגלת התלמידים בשמוש שפת עבר **בתור שפה חיה ומדוברת.**

מחירו 25 ק', מכ' בניר 30 ק', בבד 35 ק', פאר' 4 ק'.

חלק שני, גם הוא נועד לתלמידים הלומדים עברית בעברית, אולם גם ללומדים עברית בתרגום **לשפה אחרת ויהיה לספר למוד וקריאה מעניין, נחוץ ומועיל.** — בשני החלקים האלה באו **כללי הדקדוק ושמוש הלשון** היותר נחוצים, **ומאמרים וספורים יפים למקרא.**

מחיר ח״ב 50 ק', מכורך פשוט 60 ק', בבד 65 ק', פאר' 10 ק'.

חלק שלישי (מחזיק 265 עמודים). קובץ פרקי-מקרא **שונים לבני** הנעורים — ספורים, ציורים, שירים, משלים, פרקים מדברי **ימי ישראל וכו' וכו' — מעשי ידי טובי הפדגוגים והסופרים העברים.**

מחירו 75 ק', מכ' פשוט 85 ק', בבד 90 ק', פאר' 12 ק'.

מחיר כל שלשת החלקים 1.50 ר', מכורכים יחד בניר 1.65 ר', בבד 1.70 ר'.

Книгоизд. „Тушія“ Варшава. Verlag „Tuschijah“ Wars

לעזט ביכער

אין 5 שפראכען
אין צוקערמאנ'ס לייה-ביב-
213 ליאטהעק 10 10
ווארשא, נאלעווקי 7.

י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(128) עט פלאטטע-וואארען. 50 28

מאגאזין נאלעווקי 20. פאבריק דזיקא 10.

НУЖНЫ АГЕНТЫ 231—5

для сбыта **издѣлій штемп. фабрикаціи и патент. предметовъ** со значительн. прибылью. **Первоклассн. производство. Не смѣшивать** съ другими **мелкими** заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. **Каталоги** и условія **безплатно.** Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. **И. ЗИМАНЪ,** г. **Бѣлостокъ**

בית-מסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63

מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים
50 11 בתנאים נאותים למאד. (210)

אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט אנוטע פרנסה איינפיהרען. אבריפ'ליכע ערקלערונג **חנם לכל דורש.**
Я Найдичъ, Варшава.

Зеркальный фабрикантъ
ЮДКА ВЕЙНБЛАТЪ,
Варщава, Слизская 22.

עמפפעהלט אללע סארטען פערטיגע שפיגעל, אויך אללע צודאטין פיר שפיגעל פאבריקאנטען, צו גראססע אונד קליינע פאבריקאציאן. די בעסטע עצות אין די פאבריקאציאנסגעשעפט אנגעלעגענהייט. ביליגסטע פרייזען.
(104) 25—19

איינצינע ברוכבענדער, וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך זינד נור „אלעקסאנדערס"

נייעס!! נייעס!!
ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע

היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, און נאך 3 מאנאטליכען טראגען ווירד דער ברוך גענצליך אויסגעהיילט. זיי האלטען גוט איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער, וועהרענד אהנע עלעקטריע איז דאס אונמעגליך. **בויכבענדער** פיר פרויען, עלאסטישע גוממי שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, ברילען מיט ווענעציאנישע גלעזער, וועלכע שטערקען די אויגען, אפאראטע פיר העמערוידען, אויך אנדערע כירורגישע און אפטישע ארטיקעל עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען די לאנג יעהריגע פירמא

Хирургическо-Оптическій магазинъ
подъ фирмою **Александеръ**
Сенаторская 22, Варшава

דא עס האט זיך געציינט אז מען מאכט נאך אונזערע ברוכבענדער, ביטען וויר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגענאלע מיט'ן סטעמפעל פון אונזער פירמא.

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקשרייבען פון די יענינע וואס האבען געטראגען אונזערע ברוכבענדער.

ביי בעשטעלונגען פער פאסט דארף מען נור איינשיקען דאס מאס פון קערפער 149 הערום. — פרייז 1 זייטיגע 6 רובל, 2 זייטיגע 10 רובל. 50 15

די פירמא עגזיסטירט זייט 1885 יאהר.

Интересный и наилучшій подарокъ себѣ и знакомымъ.

Не дорого и красиво и каждому доступно воспользоваться этимъ случаемъ. **Только за 1 р.** мѣдная надверная доска, красиво гравированная (имя, отчество и фамилія заказчика) черной эмалью, весьма красиво и изящно отдѣланная и отполированная. Имѣется также большой выборъ усовершенствованной домашней типографіи по самымъ дешевымъ цѣнамъ. Каждому доступно подарить себѣ и дѣтямъ, можно самимъ составить разные тексты. Мастерская также изготовляетъ всевозможные каучуковые штепеля, сургучныя и рельефныя печати, по умѣреннымъ цѣнамъ.
Пріѣзжимъ мастерская изготовляетъ заказы въ продолженіи 2 часовъ. Иногороднимъ высылается налож. платежомъ **на 35 коп дороже.**

Адресовать:
Варщава, мастерская штемпелей Великсона Рымарская 3, (рядомъ съ Государственымъ банкомъ).
Требуются агенты. Каталогъ высылается безплатно.

פאריזער נייעסטע מאדעלע

עמפפעהלט דער בעקאנטע מאגאזין פאן
דאמען-מענטעל, וויערכזען צו פיטער און קאסטיומען
ד. באראדאווסקי ווארשא, לעשנא № 9 וואהנ. 4
אויפס פערלאנג פערפערטיגע אללער ארט בעשטעלונגען
25—14 אין 24 שטונדען. 147

אנשים הולים קובץ ספורים מאת א. ליבושיצקי.

מכיל: חולשת המשורר, מורך, האם מגמגמת, רוצח, החולם הקטן, המפורסם; מחיי כופר בכל.

מחירו **25** ק' בלי המשלוח.

פרי הספר מוקדש לטובת המורים העברים, שסבלו מן הפרעות בקישינוב.
להשיגו בכל בתי מסחר הספרים העברים ואצל:

Издат. „Тушія" Варшава. Verlag »Tuschijah« Warschau.
5—4 בע"פ נובוליפקי 7 מען 9

דר. מ. גראדזיענסקי

ארדינאדאר אין קליניק פיר
אינערליכע קראנקהייטען

8—10 אין שפיטאל שוו. דוך (220)
נעהמט אן קראנקע ביז האלב 11 פריה און פון האלב 3 ביז 5 נאך מיטאג
ווארשוי, דזיקא 4 — (נאוואליפקי 6)

פאבריק פון פייערפעסטע 14 15 199
אייזערנע קאססעס

עמפפעהלט איהר אויס-ארבייטונג נאך נייעסטעם סיסטעם, קאנקורירט מיט די פרייזען און פערגרע-סערט די №№ געגען אנדערע פאבריקען
פרייז קוראנטען פראנקא
Ш. Хари, Вэршава, Новолипье 40

היימישע מיטטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פערשיעדענע צייטונגען צום לעזען ביי
אהרן משכיל-לאיתן
ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7,
50-18 אין טהויער, 2 שטאק. (192)

בבית מסחר הספרים
י. ראזומאווסקי בברדיטשוב

ובהמחלקה שלו **בווארשא, נאלעווקי 34**
אצל **א. ציילענגאלד** נמכרים כל מיני ספרים במקחים נמוכים. 50 10 (217)

Оптическо-Хирургической складъ
И. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

ב רוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס און הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע און הירורגישע ארטיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק
י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.
אלץ ווערד צו געפאסט דורך ספעציאליסטען
231—25—3

בבית-מסחר-ספרים של
ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.
Книжн. магаз. З. Ш. Сребериа,
(225) Вильна. 50—6

„Chromolin"

„כראמאלין" דאס איינציגע ניט שאדליכע מיטטעל צום פוצען און קאנסערווירען שוהווערק, מאכט א זעלטענעם גלאנץ. פערקויף אין שוהווערק מאגאזינען און אפטעצנע סקלאדעס
(209) 12—12

אגענטען ווערדען געזוכט
L. Schneider,
Warszawa Nowy-Świat 34.

פריוואט-אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד"ר וואוועלבערג, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע-טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי-כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען-קראנקהייטען פון 10 ביז 12 פריה.
231 (20—6)